צ׳וועלפטער יאַהרגאַנג.

יודען, העלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

№ 33 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

# טשענסטאָכאָווער צייטונג

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

ערשטע אַלעע 6 — טעלעפאָן 201

Piątek d. 11 sierpnia 1933 | ליכט-צינדען 6,57 | פרייטאָג, פ׳ עקב י״ט אב תרצ״ג.


# PIJCIE ZNAKOMITE PIWA OKOCIMSKIE

**oraz niezrównane w smaku lemoniady wyrobu**

**REPREZENTACJI BROWARU OKOCIMSKIEGO w CZĘSTOCHOWIE.**

---

DYREKCJA

## Szkoły Powszechnej i Gimnazjum Koedukacyjnego

z prawami szkół państwowych

**D-ra Filipa Axera**

**w Częstochowie, ul. Zielona 24,**

zawiadamia, że egzaminy wstępne odbędą się dnia 20 sierpnia b. r. o godz. 9 rano

Zgłoszenia do klas gimnazjalnych i powszechnych są przyjmowane codziennie od godz. 11—1.

Zarząd Koła Opieki Rodzicielskiej rozporządza szeregiem miejsc bezpłatnych oraz udziela ulg w czesnem dla niezamożnych. Również w I oddziele szkoły powszechnej są do dyspozycji miejsca bezpłatne.

---

## Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY

Egzaminy wstępne i poprawkowe rozpoczynają się dnia **16-go sierpnia** b. r.

Kancelarja (Aleja 20 II brama) przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich klas i do przedszkola (dzieci od lat 3).

DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI

UWAGA: W b r. szk. prowadzony będzie komplet kursu 5 kl. gimn.

---

## Szkoła Powszechna Balbiny Weinberżanki

**I-a Aleja 8.**

Egzaminy wstępne do wszystkich klas odbędą się dnia 20-go sierpnia r. b. o godz. 9-ej rano.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja codziennie od 8—1 ej.

---

## לעצטע טעג פון די איינשרייבונגען אויף דעם אויספלוג נאָך פראַג (טשעכאָסלאָוואַקיי)

**צו דער מכבי׳אַדע**

אָבפאָהר דעם 19-טען וועגטועל דעם 20-טען שערפיען
צוריקקום „ „ 29-טען „ 30-טען שערפיען

**פרייז — .140 זלאָטעס**

פאס דער רייזע אין ביידע זייטען צוזאַמען מיט׳ן פּאַס און וויזע. צום אהיימפאָהרען וועלען זיין גרופּעס אין אנדערע טערמינען.

רייזע מיט אינדיווידועלע פּעסער אויף 3 ביז 4 וואָכען

**פרייז — .320 זלאָטעס**

נעמט-ארום א פּאַס, וויזע און רייזע-קאָסטען נאָך פראַג. אָבפאָהר דעם 19 וועגטועל ד. 20 שערפיען. די צאָל פּלעצער איז שטרענג בעגרעניצט און נומערירט. — אינפאָרמאַציעס און איינשרייבונגען אין דער

Kolektura Loterji Państwowej S. Haftka i S. Borzykowski, Aleja 2, telef. 1913.

---

# URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.

Przedstawicielstwo **Warszawa, Fredry 4.**

---

ווער עס האט פּאָליסען פון דער

## Tow. Ubezpieczeń „L'URBAINE"

זאָל זיך פערשטענדיגען מיט

**D. BOCHENEK, ALEJA 35, TELEFON 22-72**

אין 3 נאָכמיטאָג אָדער 8 אין אָווענד.

---

## די קאַפּעלושען = פּראָצאָווניע פון י. שטשעקאַץ

איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף

## קאַטעדראַלנע № 13

(סטראַזשאַצקאַ 8)

נעמט אָן צו פאַסאָנירען, וואַשען, פּרעסען.

**צו זעהר ביליגע פּרייזען.**

געדענקט די אַדרעס:

**י. שטשעקאַץ, קאַטעדראַלנע 13**

---

# SZKOŁA TAŃCÓW

## baletm. K. Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6** zawiadamia WP., iż rozpoczyna sezon tańców najmodniejszych, zwykłych, rytmic. Zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 wiecz.

**אכטונג! מאָרגען שבת ד. 12 ד.ח. 8 אָווענד**

**.ערעפענונגס׳ פּראַקטישע לעקציע.** מוזיק-נייעסטען


## דאַנקזאַגונג.

איך דריק אויס מיין הערצליכסטען דאַנק די ה״ה דאָקטוירים מיקולסקי און נאָוואַק פאַר זייער איבערגעגעבענעם אויסקורירען מיין האַנד, וועלכער עס האט געדראָהט א געפאהר אראָבגענומען צו ווערען.

זאָלען זיי האָבען הצלחה אין זייער ווייטערדיגער ארבייט.

עמנואל וויינבערג.

## דאַנקזאַגונג.

מיין הערצליכען דאַנק דריק איך אויס דעם געעהרטען אויגען-דאָקטאָר ה׳ תנחום לעווקאָוויטש פאַר זיין אונערמידליכער אַרבייט און בחנם מיר אויסקורירען די אויגען, אויף וועלכע איך האָב 2 יאהר גענצליך נישט געזעהען.

זאָל איהם גאָט געבען הצלחה אין זיין ווייטערדיגער ארבייט לטובת די קראַנקע.

גרונם בענדעט, אַלעע 21.

---

Komunikat dla członków Akademickiej Młodzieży Sjonistycznej.

We wtorek, dn. 15 b. m. odbędzie się w lok. Org. Sjon. o godz. 18-ej domówienie referatu: „Ogólny Sjonizm".

W czwartek dn. 17 b. m. wygłosi kol. Sz. Wien w lok. Org. Sjon. o godz. 17-30 referat n. t.: „Rewizjonizm".

Obydwa referaty wygłoszone zostaną w ramach cyklu: „Najważniejsze programy Sjonistyczne".

---

# GIMNAZJUM

## Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych

z prawami szkół państwowych

**Częstochowa, Dąbrowskiego 7. Telefon 11-58.**

Egzaminy wstępne do klas gimnazjalnych i powszechnych odbędą się w terminie powakacyjnym w niedzielę 20 sierpnia r. b. o godz 9-ej rano.

Do oddziału I-go szkoły powszechnej przyjmuje się dzieci, które przed 20 sierpnia r. b. ukończyły 6 lat.

Uczniowie, przedstawiający świadectwa z ukończenia 6 oddziałów szkoły powszechnej zdają egzamin do III klasy (I-a nowego typu) z 3-ch przedmiotów.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja codziennie od godziny 9—1 przed południem.

---

## DYREKCJA WYSTAWY

**Przemysłu Okręgu Częstochowskiego**

niniejszem ogłasza przetarg na dzierżawę bufetu na terenie Wystawy w czasie od dnia 2.IX — 18.IX 1933 Zgłoszenia z szczegółowem zapodaniem warunków winny być przesłane w zapieczętowanych kopertach do biura Wystawy do dnia 20-go sierpnia br. Bliższych informacji udziela biuro Wystawy, gł. gmach Magistratu, sala Nr. 8 w godzinach 9 — 13 i 16 — 19

---

ZARZĄD

## Szkoły Zawodowej Dokształcającej Żeńskiej dla Terminatorek

przy ZWIĄZKU RZEM. ŻYDÓW

zawiadamia, że zapisy odbędą się codziennie od 8-go do 15-go sierpnia r. b. w kancelarji szkoły, Wilsona 18, od godziny 6 ej do 8-ej wiecz.

די פערוואַלטונג

פון דער **דערגענצונגס-שולע פאַר לערן-מיידלעך**

ביים האַנדווערקער = פערבאַנד

מאַכט בעקאַנט, אז איינשרייבונגען וועלען פאָרקומען יעדען טאָג פון 8 טען ביז׳ן 15-טען שערפיען ה. י. אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע, ווילסאָנאַ 18 פון 6 ביז 8 אָווענד.

---

**UWAGA!** Chemiczna Pralnia i Farbiarnia **UWAGA!**

## „KRYSZTAŁ"

w Częstochowie, Ber. Joselewicza 2 (dawn. Ogrodowa 15).

Przyjmuje do chemicznego czyszczenia i farbowania wszelką garderobę. Stosując się do obecnego kryzysu gospodarczego, obniżyliśmy ceny:

za garnitur 5 zł., za płaszcz 5 zł. sukienki od 2-ch zł. oraz do prania bielizn wszelkiego rodzaju.

ZA KOŁNIERZYK Z POŁYSKIEM WIEDEŃSKIM 14 GR.
ZA KOSZULE „ „ 50 „

Zapewniając najsolidniejsze wykonanie, polecam się uwadze Sz. Klijenteli.

Z poważaniem

**Chemiczna Pralnia i Farbiarnia „KRYSZTAŁ".**

---

## נידער מיט אונזערע שונאים!

קאַראַלוכען, פּרוסאַקען און ענליכע חיות ראָס זענען די פערשפּרייטער פון פערשידענע, אַנשטעקענדע קראַנקהייטען. מען מוז זיי גרונדליך אויסראָטען נאָר מיט דער הילף פון בעסטען ראַדיקאַלען מיטעל, וואָס פערפיהרט נישט און דאָס איז

**FLURIM**

פאָדערען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדען.

---

## כ׳וואָלט ביז - איצט נישט געליטען פון קיין אַקשיסקעס

ווען איך וואָלט שטענדיג גענוצט

**„לעבעוואָהל".**

פאָדערט אין אַלע אַפּטייקען און אַפּט.-סקלאַדען

**LEBEWOHL**

אינלענדישע אויסאַרבייטונג

# היימישע היטלעריאדע.

אזוי און נישט אנדערש מוז אנגערופען ווערען דער אנגריף פון די היזיגע ענדעקעס אויף א טייל יודען, וועלכע מען לאזט נישט האנדלען אין טשענסטאכובקע.

שוין לאנג האבען די היעגע ענדעקעס ענטוויקעלט זייער גיפטיגע טעטיגקייט בנוגע די יודישע סוחרים, רופענדיג די קריסטליכע בעפעלקערונג צו באיקאטירען יודישע געוועלבער, דורך טיילען די גרינע בלעטלעך און פיהרען א מונדליכע אגיטאציע. דאן האבען זיי ארגאניזירט כוליגאנישע פאנדעס, וועלכע זענען אנגעפאלען אויף יודישע שפאצירענדע אין די פארקען אדער אין די אלעען.

די לעצטע וואכען ווידער האבען זיי פערגרעסערט זייער ארבייטס-שטח און זיך בעזעצט מיט'ן גאנצען כח אויף טשענסטאכובקע.

אין טשענסטאכובקע האבען א סך יודען געהאנדעלט מכמה שנים און קיינער האט זיי נישט געשטערט. דארט גופא וואוינען אויך עטליכע צענדלינג יודישע פאמיליעס, וועלכע האבען געפיהרט זייער מסחר אויסשליסליך פאר די פילגרימען, וועלכע קומען צו דער יאסנא-גורא.

פלוצים האט מען אנגעהויבען יודען צו שטערען אין זייער האנדעל און נישט לאזען זיי קומען נאך טשענסטאכובקע.

אז דאס איז א שטיקעל ארבייט פון די ענדעקעס איז א פאקט, ווארום דער רוב פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, וועלכע פיהרט מיט די יודען מסחרים פון א סך יאהרען, האט גאר נישט דאגעגען ווייטער צו האנדלען מיט די יודען, ביי וועלכע זיי גניסען פון גוטע בעדינגונגען. זיי דריקען דעריבער אויס זייער עמפפערונג געגען דער ווילדער אגיטאציע פון א שייקע אונטערהעצער, וועלכע דראהען די קריסטליכע קונים מיט קאנסעקווענצען אויב זיי וועלען ווייטער האנדלען מיט יודען.

אויסערדעם בעפאלט מען די יודען, וועלכע בעווייזען זיך נאר אין דער דארטיגער געגענד.

מיר האבען פערצייכענט א גאנצע רייהע פאקטען פון יודען, וועלכע מען האט געשלאגען מכת רצח און זיי פערטריבען פון טשענסטאכובקע, ווי אויך וועגען אויסגעהאקטע שויבען פון יודישע פענסטער אז"וו. און נאך ווייסען מיר פון א פאקט פון א יודען, וועלכער האט מורא האבענדיג פאר זיין לעבען, פערלאזט זיין ארבייטס-פלאץ אין טשענסטאכובקע און וויל דארט נישט מעהר צוריק.

ביז איצט לײדער איז נאך גארנישט געשעהן קיין שום פאזיטיווע די דאזיגע פון די כוליגאנעס אנגעווארפענע גזירה אבצושטויסען. אמת, א דעלעגאציע פון די פעראינטערעסירטע האט זיך געוואנדען אין דער סטאראסטווע וועגען דאזיגען ענין, אבער ביז ס'וועט קומען די רפואה קאן דערווייל דער חולה אויסגעהן...

דערווייל דרינגט דער דאזיגער סם אלץ טיעפער אריין אין לעבען און די יודען ווערען פון דארט פערטריבען.

אויב מיר וועלען באלד נישט אין אנהויב דאס דאזיגע דערדריקען, קען זיך די העסליכע אגיטאציע פערשפרייטען און מיר וועלען האבען דערפון גענוג צרות.

ס'איז דעריבער דער חוב פון דער היגער קהלה, אנצונעמען די ענערגישסטע מיטלען געגען דער נייער היטלעריאדע פון אונזערע היימישע ענדעקעס, וועלכע זענען זיך שטארק מתקנא אין זייער רבי'ן היטלער און ווילען דא ביי אונז איינפיהרען די דייטשע מעטאדען.

מיר מוזען אבשטויסען דעם דאזיגען ווילדען אנגריף, וואס איז א סתירה צו דער קאנסטיטוציע, וועלכע דערלויבט יעדען בירגער פריי זיך צו בעוועגען און צו האנדלען.

מיר דארפען זיך ווענדען, אויב ס'וועט זיין נויטיג ביז צום סיים און מאכען דארט אזא געוואלט, אז מען זאל אונזער עולה דערהערען.

די היימישע היטלעריאדע מוז מיט'ן ווארצעל אויסגעריסען ווערען.

ב—ן.

# פרייע טריבונע.

## צו אזוי דארפען האנדלען אמת'ע ציוניסטען?

וועגען די לעצטע געשעהענישען ארום די היגע וואהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס האב איך מיך שוין ארויסגעזאגט אויף די שפאלטען פון „טש. צייטונג", אבער געגען מיין ווילען בין איך געצווינגען צוליעב דעם שקר, וועלכען די גרינבוימיסטישע רעדעל-פיהרער פערשפרייטען אין „זייער וועג" נאכאמאל נעמען וועגען דעם א ווארט. דעסטא מעהר אין צוזאמענהאנג מיט די שבת'דיגע געשעהענישען.

ווי בעוואוסט זענען די וואהלען ביי אונז אין שטאדט געווארען איבערגעריסען און געזאלט האבען זיי נאכאמאל פארקומען דעם 6 ד. ח. אונטער דער אויפזיכט פון דעלעגירטע צוויי קאמיסארען פון דער הויפט-וואהל-קאמיסיע אין ווארשא. ס'איז א גאנץ פערשטענדליכע זאך, אז די קאמיסארען (איינער פון דער „ליגע" און דער צווייטער א רעוויזיאניסט) האבען געהאט די אויפגאבע צו שטעהן אויף דער וואך, אז די וואהלען זאלען אדורך שטיל, רוהיג און ווירדיג און דאס וויכטיגסטע, אז די וואהלען זאלען פארקומען און נישט—ווי ס'ווילען געוויסע גרופירונגען—געמאכט ווערען. כדי דאס צו דערגרייכען איז געווען גאנץ נאטירליך די פאדערונג פון די קאמיסארען אויסצושליסען די ה"ה מערינג און בראטמאן פון דער וואהל-קאמיסיע און בכלל פון וועלכער עס איז פונקציע, וואס האט א צוזאמענהאנג מיט די וואהלען, ווייל צוליעב זיי זענען די וואהלען געווארען איבערגעריסען. (ווער פון זיי ס'איז דער פאקטישער שולדיגער, וועגען דעם האב איך שוין מיין מיינונג ארויסגעזאגט).

די רעוויזיאניסטען, וועלכע ווערען פערשריגען פון די מעהרינגס און שענפעלד'ס אלס נישט-ציוניסטען, אלס גאט ווייסט וואס פאר א „פערשוינען" א. ד. גל., האבען פערשטאנען, אז ווען דער ציוניזם פערלאנגט פון זיי אבצוזאגען זיך פון געוויסע אמביציעס, מוז מען דעם קרבן ברענגען און זיי האבען איינגעשטימט אויף דער פאדערונג פון די קאמיסארען; אבער די 101% ציוניסטען פון גרינבוים'ס חדר האבען דערויף נישט געקענט איינגעהן. פאר זיי איז וויכטיגער די פערזאן פון ה' מעהרינג, ווי די 3200 שוקלים!

זאלען דאס די וועהלער געדענקען, ווייל ס'וועט קומען א מאמענט (און דאס אפשר גאר אין קורצען), ווען די זעלבע לייט וועלען ווידער דארפען די שטים פון וועהלער, דאן זאלען זיך די וועהלער דערמאנען, אז פאר די גרינבוימיסטען איז וויכטיגער ה' מעהרינג ווי די 3200 טשענסטאכאווער שוקלים און דער גאנצער ציוניסטישער קאנגרעס! צוליעב ה' מעהרינג און זיין פערזענליכער אמביציע האט מען ביי 3200 שוקלים צוגענומען די מעגליכקייט צו זאגען זייער ווארט אין יעצטיגען היסטארישען מאמענט פאר'ן ציוניזם!

איהר, גרינבוים'יסטען, האט מיט דער הילף פון יונגלעך, טעראריזירט די קאמיסארען און ערקלערט, אז טאמער וועט מען נישט נאכגעבען אייער פאדערונג, דאס ה' מעהרינג זאל בלייבען אין דער קאמיסיע, דאן וועט קומען צו א בלוט - פערגיסונג אין טאג פון די וואהלען; און ווען איהר ה' שענפעלד וואלט אייך אנגעקוקט אין א שפיגעל, בעת איהר האט אבגעגעבען אייער דאזיגע העסליכע ערקלערונג אין נאמען פון די ליסטעס 1. 5. 7. וואלט איהר געקומען צו דער איבערצייגונג, אז איהר טא־ט נישט רעפרעזענטירען דאס ציוניסטישע טשענסטאכאווע!

אבער זייט זיכער, אז אייער טהאט וועט נישט ווערען פערגעסען! רוקט אייך שוין איינמאל פאר אלע מאל אב, ווייל איהר ברענגט נאר שאדע דעם ציוניזם און נישט בלויז איהר אליין, ה' שענפעלד, נאר אויך אנדערע אייערע חברים, וועלכע כ'וויל נישט אנרופען ביי זייערע נעמען.

אייער וועג, ציוניסטען פון גרינבוים'ס חדר, איז א וועג פול מיט שקר און צביעות. איהר שרייבט: „דרך ארץ פאר'ן קאנגרעס" און ווי אזוי רופט מען אן אייער האנדלונג פון שבת, צי איז דאס אן'אויסדרוק פון פערשטענדניש און דרך - ארץ פאר'ן קאנגרעס? ווייטער שרייבט איהר: „וועהלער, געהט מאסענווייז צו די וואהלען" און אליין דערפיהרט איהר, אז קיין וואהלען זאלען נישט פארקומען!

יעצט א קורצע בעמערקונג: אין לעצטען נומער „אונזער וועג" פון פאריגען פרייטאג איז די היגע ציוניסטישע ארגאניזאציע ארויס מיט א וועהגעשריי „צו דער עפענטליכקייט", אז מיין ארטיקעל וועגען דער שולד פון ה' מעהרינג ביים איבעררייסען די וואהלען איז געוועזען פול מיט פראוואצירענדע שקרים און בלבולים.

איך ערקלער דעריבער, אז איך האלט אונטער אלע מיינע פארוואורפען און ווארף אב מיט פעראכטונג אלע שקרים און זידלערייען אויף מיין אדרעס.

יצחק ווארשאווער.

(15

# די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטארישער ראמאן פון ה. פ. שומאכער.

(פארטזעצונג)

די קעניגין איז בלאס געווארען, איז שוין אספסיינוס געוואויר געווארען, אז רעואל געפונט זיך אין איהר הויז? האט זי איהם גערעטעט פון יוסף, דער זוהן פון מתתיהו, כדי איהם איבערצוגעבען אין די הענד פון רשעים, וועלכע ווילען פון איהם שפאסען, וועלכע ווילען איהם פערשקלאפען אדער ערמארדען? זי האט זיך א ווײלע נישט געקענט בעהערשען און באלד בעמערקט, אז אגריפא קוקט אויף איהר דורכדרינגענד.

סאבינוס האט נישט געלייקענט און דערצעהלט אלץ, וואס ס'איז פארגעקומען זייט ער האט זיך בעגעגענט מיט שולמית און תמר. ער האט זעהר געלויבט די שעהנהייט און ריינקייט פון דיביידע מיידלעך און נישט בעמערקט ווי אגריפא האט געקוקט אויף איהם מיט א שמייכעל אויף די ליפען, ווייל ער האט פערשטאנען, דאס דער יונגער אפיציר איז פערליעבט אין די יודישע מיידלעך. דערנאך האט סאבינוס הויך דערצעהלט וועגען דער אויספארשונג, וואס פראנטא האט געמאכט ביי דעם יוד ברוך, וועלכער האט בעגלייט רעואל'ן אין זיין וועג נאך עכו. ער, סאבינוס, איז באלד געלאפען צו יעקב דעם אייל-הענדלער, נאר ער האט שוין פערשפעטיגט. פראנטא האט זיך צוגעאיילט.

אויפ'ן וועג צו יעקב'ן האט ער בעגעגענט א מחנה פון דעם נידריגען המון, וועלכער האט געשאלט פון גרויס שמחה און צווישען דער מחנה האבען זיך געפונען יעקב מיט ביידע מיידלעך, געשלאסען אין קייטען, מיליטער האט זיי בעגלייט אין געפענגניס אריין. דער המון האט געוואלט זיך אבדרעכענען מיט די יודען; נאר פראנטא האט דערצו נישט דערלאזט און מיטגעשיקט מיליטער זיי אבצוהיטען.

ווען פראנטא האט בעגעגענט סאבינוס'ן האט זיין געזיכט זיך בעלויכטען מיט א שמייכעלע סאבינוס האט געוואלט אויסקויפען די געפאנגענע נאר פראנטא האט איהם ערקלערט, אז דאס איז אונמעגליך, ווייל זיי געהערען צו די מורדים געגען רוים.

דער איינציגער מענש, וועלכער קאן רעטען די געפאנגענע איז אספסיינוס אין דעריבער דארף מען ווירקען אויף דעם רוימישען פעלד-הער. ער, סאבינוס, איז דאס איצט נישט אומשטאנד צו טהון, ווייל אספסיינוס בעציהט זיך צו איהם נישט גוט און דערצו האט ער, ווי עס ווייזט אויס, בעשלאסען צו זיין שטרענג צו די מורדים. אספסיינוס וועט אויסנוצען די געפאנגענע אלס געוועהר נעגען יוחנן פון גוש חלב, וועלכער איז דאך דער אנפיהרער פון אלע מורדים.

בירניקה האט אויפגעהויבען דעם קאפ בערוהיגט, ווייל זי האט זיך איבערצייגט, אז עס האט נישט קיין שייכות צו רעואל'ן און פראנטא וועט קיינמאל נישט געוואויר ווערען וועגען איהם. זי, בירניקה, וועט איהם היטען ווי אן'אויג אין קאפ, וואס זאל מען אבער טהון מיט די געפאנגענע, זיי זענען דאך רעואל'ס קרובים?

בירניקה האט געוואוסט מיט וואס פארא ליעבע די יודען בעציהען זיך צו זייערע קרובים און אויב עמיצער טהוט גוטס איינעם פון דער משפחה וועלען אלע אנדערע מיטגלידער איהם דאס קיינמאל נישט פערגעסען. וועט זי רעטען די געפאנגענע וועט רעואל אויף אייביג פערבלייבען איהר איבערגעבענסטער.

אויסערדעם, אויב פראנטא וועט פערווירקליכען זיין פלאן, וועט דאך איינניכען דערשטיקט ווערען דער פלאם פון אנ'אויפשטאנד און זי, בירניקה, האט דאך געהאפט אויף אנ'ערפאלג. זי קאן זעהר גוט אלע גרויסע לייט אין ירושלים, זי ווייסט, אז צווישען זיי אלע געפונט זיך נישט קיין איין מענש, וועלכער זאל זיין אימשטאנד צו רעטען דאס יודישע פאלק, אויסער יוחנן פון גוש חלב. ער איז א ווירקליכער העלד, קלוג און פראקטיש ווי א געאיבטער סוחר און א בעריהמטער רעדנער, וועלכער וועקט דאס פאלק צום קאמף. יוחנן איז אויך א פולשטענדיגער פאליטיקער, ער זעהט פאראויס די צוקונפט. זאל דאס אלץ פערניכטעט ווערען צוליעב דעם וואס א רוימער האט געפאנגען א יודיש מיידעל?

זי האט געטראכט, געזוכט אנ'עצה ארויסצוגעהן פון דער שווערער לאגע נאר זי האט זעהר גוט פערשטאנען, אז די איינציגע עצה איז צו געהן זיך בעגעגענען מיט אספסיינוס און טיטוס.

וועט זי דאס טהון. און דבורה?

זי האט אנגעבויגען דעם קאפ, פערמאכט די אויגען. עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז ווי א וואנד איז ענטשטאנען צווישען איהר און דער וועלט, איצט וועט זי קאנען רוהיג בעטראכטען די לאגע.

אויב זי וועט איצט ניט געהן צו אספסיינוס און זיין זוהן טיטוס...

סאבינוס האט דערווייל פארטגעזעצט זיין ערצעהלונג:

— איך בין געבליבען שטעהן אהן א ראט און מיין הארץ האט וועה געטון, קוקענדיג אויף דעם אלטען מאן, וועלכער האט קיין כח ניט געהאט צו טראגען אויף זיך די קייטען און אויף די צוויי איידעלע מיידעך, וועלכע האבען פערלוירען זיך ארומגעקוקט. סילוויוס האט מיר געראטען זיך ווענדען צום יודישען קעניג, אפוואויל ער האט אליין צוגעגעבען, אז דער קעניג איז איצט פאקטיש ניט אומשטאנד צו רעטען די פערלאזענע קינדער. דאך האב איך זיך צו אייך געווענדעט, איך ערוואַרט אייער הילף, איהר זאלט דאך מאכען אנ'ענדע פון די געוואלדטהאטען, וואס פראנטא טהוט אב.

אגריפא האט געקוועטשט מיט די פלייצעס:

— וואס קאן איך טהון, סילוויאוס איז זעהר גערעכט, דערצו נאך דארפט איהר ווייסען, אז עכו געפונט זיך אויסער מיין לאנד און איך האב גאר קיין רעכט נישט זיך אריינצומישען.

איהר זענט דאך אבער נאך אויף אזוי פיעל בעליעבט ביי די רוימער, אז איהר קאנט בעטען רחמים פאר די געפאנגענע—האט סאבינוס מיט שרעק אויסגעשריגען—איך קאן זעהר גוט פראנטא'ן און איך פערשטעה, אז ער וועט זיי מאטערן מיט שרעקליכע יסורים.

— גלויבט זי די רוימער — האט אגריפא אויסגערופען מיט א שמייכעלע — איך וואלט גליקליך געווען, ווען איך זאל גלויבען דאס מיר וועט געלונגען זיך ריינצוואשען פון די בלבולים, וואס מען האט אויף מיר געמאכט. גלויבט מיר, סאבינוס, אז איך וואלט זיך נישט אבגעזאגט, ווען איך זאל האבען א מעגליכקייט עפיס צו טהון. לײדער איז דאס נישט דער פאל. איצט בעט איך ענטשולדיגונג, ווייל איך מוז שוין געהן צום בארג כרמל.

אגריפא האט מיט געבעט געקוקט אויף בירניקה, נאר זי איז געזעסען רוהיג, גלייך זי וואלט נישט געזעהן און נישט געהערט.

פלוצלונג האט בירניקה געעפענט די אויגען און א פייערדיגער בליק איז געפאלען אויף אגריפא. זי האט מיט דער האנד די ברוסט בערוהיגט און אריינגערופען דעם פערוואלטער.

— וואס בעפעהלט די קעניגין?

— דאס ביידעל!

זי האט זיך געלאזט אוועקגעהן. אגריפא איז ווי אויפגעשפרינגען, ער האט זי געוואלט אומארמען און אויסגערופען:

— בירניקה, דו געהסט?

זי האט זיך פון איהם אבגעקעהרט ווי פון אנ'עקעלהאפטע זאך און איהר געזיכט איז געווען ווי פערשטיינערט.

מיט די הענד האט זי זיך אנגעהאלטען אין א ווײל, ווייל די פיס האבען געציטערט.

— נישט צוליעב דיר — האט זי שטיל געענטפערט.

דערנאך האט זי געגעבען א צייכען די מענער, זיי זאלען פערלאזען איהר צימער.

ארויסגעהענדיג־פון צימער האט סאבינוס זיך געווענדעט צום קעניג, ער האט דאך געוואלט דערוויסען זיך צי עס איז דא א האפנונג. אגריפא איז איצט געווען לוסטיג און געזאגט:

האפט סאבינוס, אז אלץ וועט ערלעדיגט ווערען, נאר גאט אליין האט צוגעשיקט פראנטא'ן און איהם איינגעגעבען א ווילען אנצופאלען אויף די יודישע מיידלעך.

— איך פערשטעה אייך נישט — האט סאבינוס געזאגט און ערשטוינט געקוקט אויף דעם קעניג.

— און איך פערשטעה דען! — האט אגריפא אויסגערופען — קאן דען עמיצער זאגען, אז ער פערשטעהט דאס הארץ פון א פרוי? מיר איז אלץ איינס, וועלכע אורזאך עס האט געבראכט דערצו, אז בירניקה געהט צום כרמל. פאר מיר איז גענוג דער פאקט, אז זי געהט אהין.

דערווייל האבען די גריכישע דיענסטען אנגעטהון די קעניגין. איהר דערלאנגט דאס ציהרונג און אלע בעדינערינס האבען זיך נאר געוואונדערט מיט דער פלוצלינגער ענדערונג פון זייער קעניגין. דאס מאל האט בירניקה נישט געשריען, זי האט זאגאר נישט בעמערקט, ווען איינע פון די דינסטען האט נישט פונקטליך אויסגעפיהרט איהר אויפגאבע, ווייל בירניקה'ס הארץ איז איצט געווען פול מיט אנדערע געפיהלען.

(פארטז. קומט).

י. ראזענבערג.

# דערקענען דיין לאנד.

1.

לאנדקענטשאפט און טוריסטיק—דאס זענען צוויי אויסדריקען, מיט וועלכע מיר טרעפען זיך אין די לעצטע צייטען זעהר אפט. אייגענטליך האבען די דאזיגע ביידע אויסדריקען פאר אונזערע היימישע בעדינגונגען איין און דיזעלבע בעדייטונג. לאנדקענטשאפט אין אלגעמיין הייסט דער ווילען פון בירגער צו דערקענען זיין אייגען לאנד; טוריסטיק אבער טראגט שוין א מעהר אלגעמיינעם כאראקטער. טוריסטיק איז שוין דער ווילען פון דערקענען די גאנצע וועלט. דעריבער רופען מיר די אלע, וועלכע פאהרען פון איין לאנד אין צווייטען נישט לאנדקענער, נאר טוריסטען.

די לענדער אין אייראפא, וועלכע האבען גע'שמ'ט מיט זייער הערליכער נאטור, זענען געווען די בעליעבטסטע ערטער פאר טוריסטען. ס'זענען פערהאן לענדער, פון וועלכע די בעפעלקערונג ציהט כמעט איהר גאנצע חיונה פון טוריסטען. דאס ערשטע ארט אין דער דאזיגער הינזיכט פערנעמט די שווייץ. דאן קומט עסטרייך און כמעט אלע לענדער אין אייראפא, אחוץ פוילען, וועלכע ווערט זעהר ווייניג בעזוכט פון אויסלענדער. אין די אלע ערטער קענט איהר הערען רעדען, נישט נאר אויף אלע אייראפעאישע שפראכען, נאר אויך אויף שפראכען, וועלכע ווערען בענוצט אויף דער גאנצער וועלט.

דער ענין טוריסטיק איז אייגענטליך געווען שטענדיג א טייערער ארטיקעל און ספעציעל טייער און נישט-צוגענגליך איז דאס געווארען פאר דעם ברייטען עולם אין די נאך-מלחמה-יאהרען. פאר דער מלחמה איז די גאנצע וועלט געווען אפען, מ'האט נישט געדארפט קיין אויסלענדישע פעסער, נישט קיין אויסלענדישע וויזעס און דאך זענען געפאהרען נאר רייכע. און דער ברייטער עולם? דער דאזיגער טייל פון דער בעפעלקערונג האט זיך פערנומען מיט לאנדקענטשאפט און דא האבען דאס ערשטע ארט פערנומען די דייטשען. יעדען פון אונז, וועמ'ן עס איז אויסגעקומען צו זיין אין דייטשלאנד איז בעקאנט, אז ווען נור א דייטש האט א פרייען טאג, טהוט ער אן דעם רוקענזאק אויף די פלייצעס א פאר קורצע הויזען, דעם שטעקען אין דער האנד און שפאנט איבער וועלדער, בערג און טהאלען.

ווי איז די לאגע אין פוילען? ביז דעם מלחמה-אויסברוך איז דאס געווען אונמעגליך צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, דאס אייגענטליכע פוילען (די 10 גובערניעס) זענען אלס שעהנע נאטור-ערטער נישט געווען ספעציעל אינטערעסאנט און צווייטענס — האט די רוסישע פאליציי זעהר קרום געקוקט אויף דעם מין טוריסטען און אין יעדע פערזאן, וועלכע איז נאר געווען אביסעל ריהרעוודיגער, איז שוין ביי איהר געווען פערדעכטיג.

דער אמת'ער לאנדקענטשאפטס-פערקעהר האט זיך אנגעהויבען ביי אונז ערשט נאך דער מלחמה, ווען פוילען איז צוריק פעראייניגט געווארען פון אלע דריי אקופאציע-געביטען און האט געקריגען א צוטריט צום ים.

ווי איך האב שוין פריהער דערמאנט, איז דאס רוסישע טייל פוילען בעשטאנען פון צעהן גובערניעס, וועלכע האבען ספעציעל קיין רייכע נאטור-ערטער נישט פערמאגט, אבער וועלכע כמעט יעדער פון אונז האט געקענט.

דער טייל, וועלכער האט זיך געפונען אונטער דער דייטשער אקופאציע בעשטעהט פון גרויס-פוילען און פון פאמאזשע, דאס זענען די ערטער, וועלכע ליגען ארום באלטישען ים מיט דעם פוילישען פארט גדיניא, וועגען גדיניא א"א די נעבען - ערטער האב איך שוין געשריבען פאראיאהרען אין א רייהע ארטיקלען אונטער'ן נאמען „דער ווינד פון ים". די ארטיקלען האבען נישט אויסגעשעפט דעם גאנצען מאטעריאל אין דעם ענין און ספעציעל אין געגענד, וועלכע מ'רופט די שווייצארישע קאשובען, וועל איך ווידמען א ספעציעל קאפיטעל ווייטער, דאס דריטע טייל פון פוילען, וועלכעס האט זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער הערשאפט. קליין-פוילען אדער גאליציען, וועלכעס איז דאס וויכטיגסטע ארט פאר לאנדקענטשאפט און טוריסטיק. פוילען האט נאך איין אינטערעסאנטען לאנדקענטשאפט-פונקט — דאס זענען די מזרח-קרעסען מיט ירושלים דליטא—ווילנא אין דער שפיץ.

דאס לאנדקענטשאפט האט א זעהר וויכטיגע בעדייטונג נישט נור פאר דעם כלל, נאר אויך פאר דעם יחיד. פאר דעם כלל, ווייל עס דערנעהנטערט צווישען זיך די איינוואוינער פון פערשידענע געגענדען פון לאנד; מען דערקענט דעם לעבענס-ארט און מנהגים פון די מענשען. פאר דעם יחיד ווידער — א חוץ דעם אלגעמיינעם נוצען, וועלכען אזאלכער ציהט אלס איינער פון כלל, ווירקט דאס לאנדקענטשאפט זעהר גוט אויף זיין פסיכישען, מאראלישען און געזונד-צושטאנד.

אלס ליבהאבער פון לאנדקענטשאפט און טוריסטיק טייל איך מיך שטענדיג מיט די לעזער פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" מיט מיינע איינדריקען וועלכע איך טראג ארויס פון מיינע רייזעס און דאס וויל איך טהון יעצט. אין צווייטען נומער וועל איך איבערגעבען די רייזע-איינדריקען פון מיין 4-וואכענדיגע לאנדקענטשאפטס - רייזע איבער מזרח-גאליציען.

# אונזער אייביגקייט.

פון לעא קעניג.

געטהע, דער גרעסטער דייטשער שריפטשטעלער, דער גרעסטער דייטש, קען מען זאגען, וואס דאס דייטשע פאלק האט ביז - איצט ארויסגעגעבען, האט אזוי געשריבען אין זיינע „וואנדער - יאהרען" וועגען דעם יודישען פאלק: „פאר דעם עטנישען ריכטער-שטוהל, פאר דעם כסא הכבוד פונ'ם גאט פון אלע פעלקער, ווערט נישט געפרעגט, אויב דאס פאלק איז דאס בעסטע און פארטרעפליכסטע, נאר צי עס דויערט, צי עס האט זיך אויפגעהאלטען. דאס יודישע פאלק האט קיינמאל נישט געטויגט קיין סך, ווי עס האבען איהם זיינע פיהרער, שופטים, פארשטעהער און נביאים טויזענדער מאל פארגעווארפען, דאס יודישע פאלק בעזיצט ווייניג טוגענד (מעלות) און די מיינסטע פעהלערען, וואס אנדערע פעלקער האבען: אבער אין זעלבסטשטענדיגקייט, אויסדויער און עקשנות האט דאס יודישע פאלק קיין גלייכען נישט.

„עס איז, עס איז געווען, עס וועט זיין יעהאוואה'ס נאמען דורך אלע צייטען צו פערהערליכען".

אזוי האט געשריבען געטהע אליין. אבער נישט צו ברענגען א הסכמה אויף אונזער אייביגקייט, אויפ'ן נצח ישראל — און אפילו פון דעם גרויסען קאלטען געטע — בין איך דא אויסען געווען.

אין דער יודישער אייביגקייט צווייפעלט, דאכט זיך קיינער נישט, בעזונדער קיינער נישט פון אונזערע שונאים. ווען מען זאל אפילו פרעגען היטלער'ן אליין צי „זיין" געזונד דייטש פאלק וועט איבערלעבען דעם אוראלטען צובראכענעם קראנקען ישראל, וועט ער ענטפערן: ניין.

אז ישראל איז געשטאנען און וועט שטעהן ביים קבר פון אלע אימפעריעס אין דעם גלויבען אלע אונזערע נישט-יודישע פריינד (נישט אהן א געוויסער מורא) און אונזערע שונאים מיט א ציהן-קריצעריי.

„לעגענדעס שטארבען שווער" — זאגט אן ענגליש גלייכווערטיל.

דער אייביגער ישראל, דער אייביג-וואנדערענדער אהאספער איז איינע פון די אלמענשליכע לעגענדעס, מיט וועלכע די מענשהייט וויל זיך נישט צושיידען.

און מען קאן זאגען, אז די היינטיגע פעלקער, ווי די אמאליגע טהון אלץ בשוגג ובמזיד די לעגענדע פונ'ם וואנדערענדיגען אהאספער אויפצוהאלטען.

און ווער ווייסט צי דער אהאספער וועט אויך נישט אין טויזענדער יאהרען ארום שטעהן ביים קבר פון פאלק ישראל אליין. און אפשר פון אונזער וועלטטיל, פון דער מענשליכער ציוויליזאציע בכלל. א נאקעטע חרוב'ע ערד... חורבות, חורבות פון אימפעריעס, פעלקער פון די „לעצטע" עכליכע וועלט-מלחמות, וואס וועלען נאך זיין, פון א מענשהייט, וועלכע איז צוריסען געווארען פון די אייגענע ווילדע אינסטינקטען און בעגאנגען זעלבסט-מארד און אויף אויף דעם נאקעטען חרוב'ן כדור הארץ שפאנט נאך אלץ ארום דער ווייסער געשפענסט, דער אייביגער „אהאספער"...

בלינד, אוראלט, מיד און — פערהערליכט נאך אלץ יעהאוואה'ס נאמען.

---

קיינער צווייפעלט נישט אין אונזער אייביגקייט אינ'ם נצח ישראל... אונזערע שונאים ציטערען פאר דער לעגענדע וואס זיי האבען מיט זייער רשעות געשאפען, אונזערע פריינד טרייסטען אונז מיט איהר, מיט אונזער אייביגקייט—אין אנ'עת צרה, ווען זיי ווילען נישט אדער זיי לוינט זיך נישט אויף אנ'אמת אונז העלפען.

„וואס, א נייער שונא איז אויפגעשטאנען אייך צו פערטיליגען, זאגען צו אונז די חסידי אומות העולם, געהט שוין געהט! איהר זענט אייביג, איהר וועט אויך דעם שונא איבערלעבען"...

און מיר קריגען די קלעפ און זעצען טאקע פאר אונזער אייביגקייט.

אלע גלויבען אין דער אייביגקייט פונ'ם יודישען פאלק. די ליכטיגסטע מענשליכע מחות (ווי א געטהע) און די פינסטערסטע קאנסערוואטיווסטע גייסטער. אלע גלויבען אינ'ם נצח ישראל, אפילו מיר יודען אליין, גלויבען שוין אפט אין דעם.

אבער נישט קוקענדיג דערויף וואס אלע פעלקער גלויבען אין אונזער אייביגקייט, איז אונז דאך קיינער פון די אומות העולם דערויף נישט מקנא.

טאקע א וועלט מיט פעלקער, האלטען זיך אין איין ארומרייסען, זוכען איינער דעם צווייטען איינצונעמען און איינשלינגען, האלטען ווילדע מלחמות אבי דעם צווייטען גובר צו זיין, איבערצולעבען, און אלע ווייסען, אז עס איז דא אנ'אייביג יודיש פאלק, א פאלק, וואס מוז לעבען אייביג און קיינער איז אונז דערפאר נישט מקנא.

איהר האט שוין געהערט, למשל, פון פאליאקען, סערבען, טשעכען, רוטענער (פון ענגלענדער, פראנצויזען און דייטשען איז שוין אבגערעדט) זאלען קומען צו אונז און זאגען:

איהר זענט אנ'אייביג פאלק, נעמט אונז אריין אין אייער כלל. מיר ווילען אויך זיין אייביג, וואס דארפען מיר האלטען אין איין מורא האבען פאר אונזערע שטארקע שכנים פעלקער. מיר וועלען ווערען יודען און מיר וועלען זיכער איבערלעבען אונזערע שונאים און לעבען אייביג. און דאך געשעהט עס נישט: קיינער איז אונז נישט מקנא פאר דעם אייביגען לעבען, אין וועלכען זיי גלויבען אזוי.

פערקעהרט: עס ווארפט גאר אן אויף זיי אזא מורא און פערדאכט צום אייביגען פאלק. ווער ווייסט צי די לעגענדע פון דעם אייביגען יוד, האט נישט פערשטארקט נאר זייער חשד און צוטרוי צום יוד? שטעלט זיך פאר ביי אייך אין גאס ווינט א מענש וואס איז געבענשט (צי געשטראפט) מיט'ן אייביגען לעבען — וואלט איהר נישט מורא געהאט פאר איהם? וואלט איהר זיך נישט געהיטען פאר איהם? וואלט זיין געוועהנליכסטער קוק אייך נישט אויסגעזעהן מיסטעריעז, פיעל בעדייטענד אין געהיים?

---

א סך מאל, דאכט זיך, אז די קאר-

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

## נישט געווען בעשערט...

הכלל, מיר טשענסטאכאווער יודען האבען נישט אנטייל גענומען צום 18 ציוניסטישען קאנגרעס. לעולם האבען מיר יא אנטייל גענומען — גראד געהאט דערין א שטארקען חלק און אט דאס טאקי האט צוגעפיהרט דערצו, אז מיר האבען נישט געקענט אויסנוצען אונזערע רעכט און אונזערע שקלים זענען געבליבען פערשעהמט.

אייגענטליך שטעלט זיך די קשיא פון ווען אן זענען מיר טשענסטאכאווער יודען, געווארען אזוי אימפולסיוו; פון וואנען האט זיך דאס צו אונז גענומען אזוי פיעל טעמפעראמענט. אויף וויפיעל איך געדענק—און איך געדענק טאקי שוין א היבש ביסעל יאהרען געזעלשאפטליכער טעטיגקייט פון די טשענסטאכאווער יודען — קאן מען נישט אמאל פערצייכענען, אז די טשענסטאכאווער יודען זאלען האבען אמאל ארויסגעוויזען אזוי פיעל היץ און טעמפעראמענט, ווי אין די לעצטע וואכען.

אבער זאלען פאקטען רעדען:

די ערשטע וואהלען, ווי איהר ווייסט זענען דאך איבערגעריסען געווארען, האט מען פעראָרדענט נאכאמאל וואהלען און צוליעב דער דאזיגער סיבה האט מען פון ווארשא אהערגעשיקט 2 קאמיסארען, וועלכע זאלען אדורכפיהרען די וואהלען. זענען זיי געקומען איינמאל און זענען אהיימגעפאהרען מיט'ן פעטעך, באשר די פארטייען זענען נאך נישט גרייט. זענען זיי געקומען א צווייט מאל און זיך געגרייט אדורכצופיהרען דאס שטיקעל ארבייט ביז'ן סוף.

זענען זיי געזעסען כל אותה הלילה, די נאכט פון שבת אויף זונטאג און זיך מתיכה געווען. ווער עס זאל יא זיין אין דער וואהל - קאמיסיע — עד שבאה, ביז עס איז געקומען צו א גרויסע אוואנטורע, בעת וועלכער מען האט זיך נישט גצושאלעוועט קיין קאמפלימענטען און עס האבען זיך געבילדעט צוויי לאגערן: די „ליגע" מיט'ן „על המשמר" און „מזרחי" מיט די רעוויזיאניסטען. אויך צווישען דער „ליגע" מיט זייער אייגענעם פארשטעהער פון ווארשא איז געקומען צו א קאנפליקט און מען האט זיך געזידעלט און געשריגען און ווען דער האן האט געקרעהט, אנזאגענדיג די בשורה, אז דער טאג קומט אן, איז בעוואוסט געווארען, אז קיין וואהלען וועלען שוין היע נישט פארקומען.

ויהי בוקר, ווען עס איז געווארען טאג און די חברים אגיטאטארען זענען געקומען צו דער ארבייט בעלאדען מיט נומערלעך און אנדערע תכסיסי-מלחמה, האבען זיי זיך דערוואוסט וועגען גרויסען חורבן, וואס איז געשעהן דעם יודישען טשענסטאכאוו און זיי זענען געבליבען פערשעהמט און אבגענארט.

פון גרויס פערביטערונג האט זיך דאס יונגוואָרג ארויסגעלאזט פון דער שטאדט און ענטלאפען ווער קיין אלשטין אדער אין בלאכאווניע, אבי נישט זיין אין דער שטאדט און זיך ארומדרעהען ליידיג, ווייל יעדער האט זיך אנגעלאדען מיט ענערגיע און נישט געהאט וואו עס אויסצולאדען...

און נישט בלויז די יוגענד, נאר אויך אפילו די עלטערע יודען, ווען זיי זענען געוואויר געווארען, אז מען וועהלט נישט, האט זיך א קרימער שמייכעל אויסגעדריקט אויף זייער פנים. אלע האבען זיך געפרעגט: פארוואס? נאר געה דערצעהל זיי, אז אונזערע יודען, אז דער עס קשה עורף קאן זיך נישט אדורכרעדען ווי ביי לייטען און איבער א קיצו של יוד, איבער נארישע קאפריזען, וועט דאס גרויסע טשענסטאכאוו, די עיר ואם בישראל נישט טארען וועהלען צום קאנגרעס.

ווי ס'געהען קלאנגען, האבען די וואהלען אין טשענסטאכאוו געזאלט דעצידירען וועגען א מאנדאט, וואס זאל צוגעטיילט ווערען דעם איינסעל אדער ז'עם דרייערל. און איצט ווייסט מען נישט ווי אזוי אונזערע ראשי העדה וועלען זיך דערמיט אנ'עצה געבען. אבער דאס געהט אונז שוין נישט אן, די פארטייען אין ווארשא וועלען שוין ווי עס איז די זאך ערלעדיגען, אבער אינזערע טשענסטאכאווער זענען שטארק פערביטערט, וואס מען האט זיי ארויסגענומען אזא גליקליכען טאג, וואס מען האט זיי צושטערט א טייערען יום-טוב און איהם פערוואנדעלט אין א וואכען-טאג.

מיר איז אפילו די גאנצע מעשה קשה. דעם שבת פאר די וואהלען איז עפיס געווען צו שטיל, נישט מען האט געווארפען מיט קיין ליטעראטור, אויסער דער „ליגע", וועלכע האט יא ארויסגעלאזט א „לעטוטשקע", כאטש מען שמועסט, אז דעם שבת זענען אין טשענסטאכאוו געווען גאר חשוב'ע לייט פון ווארשא. זיי האבען זיך אבער נישט בעוויזען עפענטליך פאר'ן עולם, נאר געגעבען אינסטרוקציעס שטילערהייד.

איבריגענס, וואס וועט מען זיך גריבלען אין די געהיימע סודות פון די פארטייאישע פאליטיקאנער, ווי קומען מיר פראסטע יודען דאס צו פערשטעהן. מיר ווייסען נאר איין זאך, אז אנ'אויסנאהם פון אלע שטעדט אין פוילען אין דער הינזיכט פון די קאנגרעס-וואהלען איז געבליבען אונזער שטאדט טשענסטאכאוו.

אפשר וועט דער היסטאריקער, וועלכער וועט זיך גריבלען אין די ארכיווען פון די פערשידענע פארטייען און פארטייעלעך, ארגאניזאציעס און קרעמלעך קאנען פעסטשטעלען, פארוואס מיר, טשענסטאכאווער יודען, האבען נישט געוועהלט צום קאנגרעס צוזאמען מיט אלע יודען, פארוואס אונז איז דאס נישט געווען בעשערט...

## מיט מוזיק און טענץ...

וואס פאר א גליק עס איז היינט פאר א ווירט אז א לאקאטאר ציהט זיך ארויס פון א דירה, איבערהויפט א שלעכטער לאקאטאר (וואו האט איהר היינט גוטע לאקאטארען?) קאן דיענען פאלגענדער כאראקטעריסטישער עפיזאד:

אויף אגראדאווא גאס האט א לאקאטאר, מיט וועלכען דער ווירט האט זיך ארומגעמשפ'ט פאר דירה - געלד צוליעב וואס ס'איז אפטמאל געקומען צו גרויסע סקאנדאלען, זיך ענדליך ארויסגעצויגען.

מה עשה הבעל-הבית, בעסער געזאגט די ווירטין, וועלכע איז די אמת'ע עקרת הבית. קודם כל אנגעצינדען ליכט און געזאגט הויך אויפ'ן קול ברוך שפטרנו און די אמת'ע שמחה האט זי איינגעארדענט שבת נחמו ביי דער מלוה-מלכה.

אין דער זעלבער דירה, וואו דער לאקאטאר האט געוואוינט, האט זי אריינגעשטעלט צוויי געדעקטע טישען, פערבעטען א צוויי מנינים טרעגער, אויך נישט פערגעסען איינצולאדען ר' פינם מאיר דעם בדחן, דאן ישעיהו טרעגער, וועלכער שפילט אויף א פלייט, דאן דעם געהילף - בדחן און טענצער ר' פישעלע און מען האט דעם עולם מכבד געווען מיט בראנפען און לעקעך, ברויט, אייער און גאנצע פעסלעך ביער. דער עולם האט געגעסען, געטרינקען און זיך געווינשען לחיים.

ויהי כטוב לב העולם מיט א גלעזיל ביער, האט ר' בינם מאיר אנגעהויבען צו גראמען, אויסגערעכענט אלע שבחים פון דער ווירטין און ר' ישעיהו האט איהם בעגלייט מיט'ן קלארנעט. צום סוף האט זיך ר' פישעלע אוועקגעלאזט אין א קאמאריסקע און דער עולם האט צוגעפאטשט מיט די הענד.

די ווירטין האט כסדר געהאלטען אין איין אונטערריקען די געסט מאכלים ומשקאות און זיי געווינשען, אז עס זאל זיי זיין צום געזונד.

דער פערביייגעהענדער עולם האט געמיינט, אז דא קומט פאר א חתונה און זיך געוואונדערט, אז היינטיגע צייטען זאל מען איינארדנען אזא „הוטשנע" חתונה...

אזוי האבען זיך די ארימע טרעגער מיט זייערע קינדער, וועלכע האבען זיך אנגעגעסען צו דער זעט, געוויילט ביז שפעט אין דער נאכט און געווינשען דער ווירטין, אז זי זאל איינארדנען אזעלכע שמחות וואס אפטער...

די אויבענדערמאנטע ערצעהלונג איז נישט חס - ושלום קיין פאנטאזיע, נאר האט באמת פאסירט דעם פערגאנגענעם שבת צו נאכטס אין די ערשטע הייזער פון אגראדאווע גאס, וואו א ווירטין האט א דאנק דעם לאקאטאר, וואס האט זיך ארויסגעצויגען, איינגעארדענט א שמחה מיט מוזיק און טענץ.

## פארוואס?

אויפ'ן פערלאנג פון די יודען, וועלכע דרעהען זיך ארום אין דער ערשטער אלעע, פרעג איך זיך אן ביים

גע הופּאָקריטישע אומות העולם האָבען אויסגעקלערט די לעגענדע פון'ם יהודי הנצחי צו שטילען זייער שלעכטען געוויסען, נישט וועלענדיג האָבען נאָך א גלייכען שותף צו די גיטער פון דער ערד.

„איהר ווילט לעבען גלייך ווי אלע מענשען, מיט גלייכע מענשליכע רעכט? געהט, נאָך וואס דאַרפט עס: איהר זענט אנ'אויסגעוועהלט פאָלק, איהר זענט אַנ'אייביג פּאָלק, אפילו אָהן רעכט וועט איהר אונז איבערלעבען...

„איהר ווילט א לאַנד ווי אלע פעלקער? אייער לאַנד? וואס טויג עס אייך? וואס איז אַ לאַנד, אויב נישט אַ קבר פון א פאָלק? זענען נישט אלע מלוכה-פעלקער, אלע טעריטאָריאַלע פעלקער אונטערגעגאַנגען? אַז איהר וועט האָבען אַנ'אייגען לאַנד וועט איהר ווערען שטערבליך ווי אַלע פעלקער? אייער לאַנד איז די גאַנצע וועלט, דער גרויסער גלות-לך לך—וואַנדערט און לעבט אייביג..."

און סתם איז דאָך זעהר נוצליך און בעקוועהם פאַר די אומות העולם—און באַזונדערס פאַר די הערשענדע קלאַסען —ווען ס'איז דאָ „אנ'אייביגער יוד", א „וואַנדערענדיגער אהאַספער", אויף וועלכען מען קען אַרויפוואַרפען די אייגענע זינד אין אַנ'עת צרה, ווען דער צאָרן פון זייערע אונטערדריקטע פעלקער הויבט אָן אויפוואַכען. און מיר גלות-יודען הערען זיך צו צו די זיס-ביטערע לעגענדעס וועגען אונזער אונשטערבליבקייט. וועגען אונזער אייביגקייט, בויגען נאָך מעהר איין די איינגעבויגענע רוקענס, בויען זיך אויס נייע געטאָ'ס און שלעפּען ווייטער די אייביגע שטראָף „די זינד פון דער וועלט".

ווילען מיר ווידער אריינפאַלען אין אָט דער שעהנער לעגענדאַרער און מיסטישער נעץ און מיט געבויגענע קעפּ ווייטער שלעפּען דעם פינסטערען גלות?

ניין, דאס יודישע פאָלק, צוגלייך מיט אלע דערוואַכענדע פעלקער מאַסען וועלען שוין מעהר זיך נישט לאָזען פערוויגען מיט שעהנע לעגענדעס און מעשיות, ווי שעהן און חניפה'דיג אפילו זיי זאָלען נישט זיין.

דאס יודישע פאָלק מוז און וועט קעמפען פאַר זיינע מענשליכע און נאַציאָנאַלע רעכט.

די אייביגקייט וועט שוין פאַר זיך אליין זאָרגען.

איזשנ. ה. ווילטשינסקי.

# אַלט-טשענסטאָכאָווער יודישע געשטאַלטען.

(פון די מאַטעריאַלען צום „טשענסטאָכאָווער פנקס").

## דאַניעל נויפעלד — דער גרינדער פון דער ערשטער יודישער שולע.

נעבען יעקב בורשטינסקי'ן איז אויפ'ן פעדאַגאָגישען געביעט פון יודישען פאָלק אויך טעטיג געווען אין טשענסטאָכאָוו שלמה ידידיה גוטענטאַג אָדער גוטענטעגער, וועמענס זוהן שמעון איז שפּעטער געווען היע א טעקסטיל-אונטערנעהמער, ווען אין טשענסטאָכאָוו האָט זיך אין די 20-גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט צעבליהט אַ טעקסטיל-אינדוסטריע. ש. י. גוטענטאָג איז אַהערגעקומען פון דזיאַלאָשין און אַרויסגעוויזען זיך אַלס זעהר בעגאַבטער העברעאישער לינגוויסט.

די שטאַרקסטע השפּעה אָבער אויף די גייסטיגע פיזיאָגנאָמיע פון טשענסטאַכאָווער יודענטום אויף יאָהרצעהנדליגער אַרויס, האָט בלי-ספק געהאַט דניאל נויפעלד, אַ פעטער פון היעזיגען עסקן מ. נויפעלד.

דאַניעל נויפעלד איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1814 אין פּראַשקע, וואו ער איז געווען אַ צייט אַ שילער פון בורשטינסקי'ן. ווען זיין לעהרער האָט פערלאָזט פּראַשקע און איבערגעצויגען זיך קיין טשענסטאָכאָוו, האָט נויפעלד זיך געלאָזען קיין ווארשע זוכען בילדונג. דאָרט האָט עקזיסטירט א קלויסטער-שולע פון די פּיאַרען, וואוהין ער איז אַנגעקומען אין יאָהר 1827. עסענדיג טעג און שלאָפענדיג ביי אַנ'אָרימען בעל-מלאכה איז ער געבליבען אין דער שולע ביז'ן ערשטען פּוילישען אויפשטאַנד פון יאָהר 1831, נאָך וועלכען אַ סך פּוילישע שולען, פּאָליטישפערדעכטיגע, זענען פערמאַכט געוואָרען.

אין די סוף פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט יעקב בורשטינסקי אַהערוועררבירט זיין אַמאָליגען תלמיד און נויפעלד האָט געגרינדעט אין טשענסטאָכאָוו די ערשטע שולע פאַר יודישע יונגלעך. ביי דער שולע האָט אויך עקזיסטירט אַנ'אינטערנאַט. צו נויפעלד'ן אין שולע האָבען געשיקט זייערע קינדער אַ סך משכיליש אַסימילאַטאָרישע גבירים פון גאַנץ פּוילען, בעיקר פון אַרום טשענסטאָכאָוו, קאַליש און פּלאָצק. די שולע האָט זיך געפונען אויף גאַרנצאַרסקע גאַס (דאַמאַלס אַ פּרינציפּאַלע גאַס) נ. 23. אַ חוץ נויפעלד'ן האָט דאָרט אַלס לעהרער געלערנט דער בעקאַנטער משכילישער שרייבער שעהנפאַך. די דאָזיגע שולע האָט געהאַט אַ שם אין גאַנץ פּוילען אַלס מוסטערהאַפטער אנשטאַלט און איהרע תלמידים זענען אין די אינטעליגענטסטע קרייזען פון פּוילישען יודענטום געוואָרען פּאָוואַריזירט, אַלס שילער פון גוטע פּעדאַגאָגען.

נויפעלד'ס שולע איז אָבער אויך פערהאַסט געווען אין די חסידישע קרייזען, אַלס נעסט פון אפיקורסות און אַסימילאַציע. אויב מ'האָט געזאָגט אויף עמיצען, אַז ער איז פון „נויפעלד'ס חדר", ד. ה. פון נויפעלד'ס שיטה, האָט עס בעדייט, אַז יענער איז אַ פּרייזיניגער.

דאַניעל נויפעלד האָט זיך געריסען אין דער ברייטער וועלט, כאָטש קיין וואַרשע, וואו ער וואָלט נאָך געקענט אויפווייזען מיט זיינע פעהיגקייטען און קענטנישען, ווייל עס איז איהם ענג געוואָרען אין דאַמאַלסדיגען קליינעם שטעדטעלע טשענסטאָכאָוו. ער האָט אַפילו פון צייט צו צייט פערעפענטליכט אין אַ העברעאישער אָדער דייטש-יודישער צייטשריפט אַ מאמר אָדער געדיכט, נאָר דאס האָט איהם נישט בעפרידיגט. ווען אין יאָהר 1861 איז אין טשענסטאָכאָוו געגרינדעט געוואָרען אַ פּאָוויאַט-שולע. אַ מין פּראָגימנאַזיע, גערופענע „ווידזיאַלאָוואָספעציאַלנאַ", האָט נויפעלד זיך איבערגעטראָגען קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער געגרינדעט די ערשטע פּויליש-יודישע וואָכענשריפט „יוטזשענקאַ" (Ju-t zenka) וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל צו דערנעהנטערן יודען און פּאָליאַקען אין אַרום וועלכען עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאס אַסימילירטע פּוילישע יודענטום.

היות ווי די „יוטושענקאַ" האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר'ן גאַנצען פּוילישען יודענטום און די טעטיגקייט פון איהר גרינדער אין זיין וואַרשאַווער פעריאָד איז שוין אַנדערשוואו אָבגעשאַצט געוואָרען, וועלען מיר זיך אויף איהר נישט אָבשטעלען באַריכות, נאָר דאָ דערמאָנען איהם בלויז בקיצור.

נויפעלד'ס איבערציהען קיין וואַרשאַ איז מאַטעריעל נישט גינסטיג געווען פאַר איהם, ווייל עס זענען גראָד אָנגעקומען די היסטאָרישע געשעהעניִשען פון 1861—63. נישט געקוקט אָבער דערויף האָט ער דאָרט פערעפענטליכט: 1) אַנ'אַרכיוואַלע אַרבייט וועגען „גרויסען פּאַריזער סנהדרין צוזאַמענגערופען דורך נאַפּאָלעאָן אין יאָהר 1806"; 2) אַ סידור אין פּויליש פאַר יודען-פּאָליאַקען; 3) די ערשטע פּוילישע וועלטליכע איבערזעצונג, וואס איז נאָר ערשינען: בראשית און שמות; 4) אַרטיקלען אין אָרגעלבראַנד'ס אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע; 5) העברעאישע שירים. אין כתב-יד נאָך נויפעלד'ס טויט זענען געבליבען די איבריגע איבערזעצונגען פון תנ"ך און אַ היסטאָרישע אַרבייט וועגען „די אַלטערטימליכע תפילות פון יודען", וועלכע עס האָט איבערגעגעבען מאַטיאַס בערסאָן.

בעת'ן אויפשטאַנד פון 1863 האָט נויפעלד אָבגעהאַלטען אין טשענסטאָכאָוו אַ פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע פון יודען און פּאָליאַקען אין „באַהנהויף-האָטעל" (איצט „פּאָלאָניאַ") פאַר וואס ער איז געוואָרען אַרעסטירט און פערשיקט קיין סיביר.

ווי נויפעלד'ס היגע קרובים גיבען איבער, האָט ער זיך שוין אויפ'ן וועג קיין סיביר ענטוישט מצד די פּאָליאַקען און אין דער פּויליש-יודישער פערברידערונג. נישט געקוקט דערויף, וואס אין די יאָהרען 1861—63 האָבען זיך מיט איהם גע'חבר'ט אַזעלכע פּערזענליכקייטען, ווי דער מאַרגראַביע וויעלאָפּאָלסקי אָדער ז'ער אַרציבישאָף פעפּיעל, האָבען איהם גראָד איגנאָרירט זיינע ליידענס-גענאָסען, די פּאָליאַקען, מיט וועלכע צוזאַמען ער איז פערשיקט געוואָרען קיין סיביר. אונטערוועגס, צום פערשיקונגס-אָרט, האָבען איהם די שליאַכטשיצעס נישט פערבעטען אַפילו צו אַ גלעזיל טיי. דאַמאַלס האָט ער געזאָלט דערצעהלען פּאָלגענדען אַנעקדאָט פון די צייטען פון'ם ערשטען פּוילישען אויפשטאַנד, מיט וועלכען ער האָט געוואָלט כאַראַקטעריזירען דעם שטאָלץ פון'ם פּוילישען פּריץ לגבי דעם יוד, וועלכען ער איגנאָרירט און האַלט פאַר מינדערווערטיג, אַפילו בעת דער גרעסטער סכנה.

אַ פּריץ, אַ פּאָוסטאַניעץ, וועלכער איז פערפאָלגט געוואָרען דורך די רוסען איז געקומען אַנגעלאָפען צו אַ יודישען קרעטשמער און זיך געבעטען רחמים, מ'זאָל איהם אויסבעהאַלטען. דער קרעטשמער האָט איהם פערשטעקט אין קוימען. אַביסעל שפּעטער איז געקומען צו לויפען אַ יוד, וועלכען פּאָליאַקען האָבען ווידער געיאָגט און זיך אויך געבעטען ביים קרעטשמער איהם אויסצובעהאַלטען. נישט האָבענדיג אַנדערשוואו קיין אָרט האָט דער קרעטשמער אויך דעם יוד אריינגעשטופּט אין קוימען. דער פּריץ אַנ'איינגעריסטער, דערשראָקענער און צוזאַמענגעקאָרטשעטער, אַז ער האָט דערזעהן, אַז מ'האָט איהם אַלס אונגעבעטענעם שכן צריינגעגעבען אַ יודעל, האָט איהם דערלאַנגט אַ פּאַטש און דאס דערפאַר, וואס דערזעהענדיג פאַר זיך איהם, דעם פּריץ, נעמט ער נישט אָראָב דאס היטעל פאַר'ן שליאַכטשיץ, כאָטש דאס געשעהט אין טונקעלען קוימען.

דערמיט האָט נויפעלד געוואָלט ווייזען אויף אַ ביישפּיעל, אַז די פּוילישע שליאַכטע, אנשטאַט צוזאַמען מיט יודען זוכען געמיינזאַם אַנ'עצה בעת צרה, האָט בלויז אין זינען איהר פּוסטע גאוה. אויך די פּוילישע אויפשטענדיגע האָבען זיך געשעהמט מיט נויפעלד'ן אויפ'ן וועג קיין סיביר.

צוריקקומענדיג פון סיביר איז נויפעלד'ן שוין אויסגעקומען צו פּ'הרען אַ גאַר שווער לעבען. אין וואַרשאַ איז שוין נישט געווען קיין אָרט פאַר דער „יוטזשענקאַ", ווייל דער קורס איז שוין געווען אַ שטאַרק-אַסימילאַטאָרישער און דאס אָרט פון נויפעלד'ס אָרגאַן האָט פערנומען דער „איזראַעליטאַ". אויך נויפעלד'ס פעדאַגאָגישען געביעט האָט פערנומען דאס רוסישע קלאַסישע פּראָ-גימנאַזיום. נויפעלד'ס שווער, לעאָפּאָלד קאָהן, אַ בוכהענדלער און שפּעטערדיגער היגער דאַזאַר האָט איהם געעפענט אַ בוכהאַנדלונג אין פּיעטרקאָוו, נאָר דאס געשעפט איז שלעכט געגאַנגען און נ. האָט זיך ווידער אַמאָל איבערגעטראָגען קיין וואַרשאַ. ער איז געוואָרען אַלץ מעהר צעבראָכען און בעיקר האָט אויף איהם שלעכט געווירקט, ווי זיינע טשענסטאָכ. קרובים דערצעהלען, דער גייסטיגער צוזאַמענבּרוך.

אויפ'ן פּאָליטישען ווי אויך אויפ'ן

---

מאַגיסטראַט. פאַרוואָס?

פאַרוואס זענען אין אלע אַלעען פערפלאַנצט בלומען, גאָר אין דער ערשטער אַלעע זענען קיין בלומען נישטאָ?

און דאָס זעלבע קען מען פרעגען די יודישע בעלי-בתים אין דער ערשטער אַלעע; פאַרוואָס בעמיהען זיי זיך נישט אַז אַזעלכע בלומען זאָלען אויך פערפלאַנצט ווערען אין דער ערשטער אַלעע.

הא, וואס זאָגט איהר? צו קיין אַנדערע דאגות זענען שוין נישטאָ, נאָר די איינע זאָרג וועגען בלומען, זענט איהר אויך גערעכט, אָבער איינס האָט נישט צום אַנדערען. מיר זענען אַזעלכע גוטע בירגער, ווי די פון דער צווייטער אַלעע און דעריבער האָבען מיר דאס רעכט צו פרעגען: פאַרוואָס? פאַרוואס זענען אין די ערשטע אַלעע נישט פערזייהט קיין בלומען?

פאַניע מאַגיסטראַט... מיר וואַרטען אויף אַנ'ענטפער!...

כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען, האָבען די יודען פון די הינטערגאַסען גרעסערע טענות, הלמאי מען פערריכט נישט דעם ברוק און די פּיס ווערען צוקלעטשעט פון די שפּיציגע שטיינער, אינדערצייט, ווען אין די אַלעען איז אַלץ אַספאַלטירט און די טראָטואַרען זענען גלאַטיג און פיין?! איז טאַקי אויך די זעלבע קשיא — פאַרוואָס?

## פאַרוואָס האָבען די יודישע טרעגער נישט רעאַגירט אויפ'ן אָנפאַל אויף! יודען.

ווי איהר ווייסט, זענען יענע וואָך בוליגאַנעס בעפאַלען אין נייעם מאַרק דעם יוד שאול ראָזענטאַל און איהם געשלאָגען און ווען ה' שפּאַלטען האָט זיך פאַר איהם אָנגענומען, איז אַרויסגעקומען דער גרויסער סקאַנדאַל מיט פּאָליציי, אַרעסט און דער בלבול.

בין איך אַוועק צו די יודישע טרעגער און זיי געפרעגט, היתכן? פאַרוואס האָט איהר זיך נישט אָנגענומען די עולה פאַר דעם יודען, פאַרוואָס זענט איהר נישט געגאַנגען עדות זאָגען, אַז דער ה' שפּאַלטען איז געפאַלען אַ קרבן פון אַ געמיינעם בלבול און אָט וואס זיי האָבען מיר געענטפערט.

גלויבט מיר, אַז אונז טהוט דאס האַרץ וועה, ווען מיר זעהען, אַז מען טהוט אַ יוד אַנ'עולה און נאָך קיינער ווי מיר, האָבען שטענדיג רעאַגירט אויף אַזעלכע עולות, היינט אָבער זענען מיר פערביטערט, מיר זענען צעוועהטאָגט פון צער און צאָרן, אויף אונזערע אייגענע ברידער.

אָט שטעהען מיר א גאַנצען טאָג אין מאַרק און וואַרטען, אַז מען זאָל אונז רופען אבצופיהרען אַביסעל סחורה כדי צו פערדינען אויף א שטיקעל ברויט פאַר אונזער ווייב און קינדער; די יודישע סוחרים אָבער איגנאָרירען אונז און בעשעפטיגען דווקא נישט-יודען, אַזוי, אַז זעהר אָפט געהן מיר אַהיים אָהן „פּאַטשאָנטעק".

ווען עס איז אַרויסגעקומען דער איבערפאַל איבער די צוויי יודען — דערצעהלען ווייטער די טרעגערס — האָבען זיך די יודישע געוועלב-אייגענטימער, וועלכע גיבען טאַקי פרנסה אָט די זעלבע אָנפאַלער, זיך אַריינגעריקט טיעף אין זייערע קראָמען און זיי האָבען גאָר נישט געזעהן און נישט געהערט... שפּעטער, ווען די ברידער שפּאַלטען זענען געקומען אויפנעמען עדות, איז קיינער פון זיי נישט געווען אינדערהיים... דאַרפען מיר זיין די כפרה פאַר כל-ישראל? און נאָך פאַר וועמען, פאַר אַזעלכע, וועלכע מיידען אונז אויס א גאַנץ יאָהר און געבען צו פערדינען די שלעגערס?! דעריבער, דעריבער — פערענדיגען די טרעגערס זייער פערטיידיגונג — האָבען מיר זיך נישט געוואָלט אריינמישען אין דעם גאַנצען פיינליכען אינצידענט, כאָטש אונזער יודיש האַרץ האָט זעהר פיעל דערפון געליטען.

אויסהערענדיג זייערע טענות, בין איך עפּיס געוואָרען אַבהענדיג און נישט געוואוסט וואס זיי צו ענטפערען ווייל איך אליין קאָן עפּיס נישט צוקייען, צו זיי האָבען רעכט אָדער נישט?...

## פון אָסטראָווער פראָנט.

אויף אַ פּאָר שעה האָב איך זיך אַראָבגעכאַפּט קיין אָסטראָוו אין דעם נאָהנסטען דאָטשע אָרט פאַר די טשענסטאָכאָווער „פּליטים".

קיין פיעל נייעס האָב איך אייך נישט צו דערצעהלען, אָבער פּטור בלא כלום וועט איהר ביי מיר אויך נישט זיין.

## אוועק יענע צייטען...

קודם כל זאָלט איהר וויסען, אַז אָסטראָוו איז שוין נישט מעהר דאָס ערי מקלט פאַר די פערמעגליכערע לייט פון אונזערע שטאָדט, נאָר אַמעהרסטענטייל פאַר די אָרימע און דאַכלאָזע.

אין אָסטראָוו זענען היינט דאָ מעהר נצרכים, ווי וויל-האָבענדע, און דעריבער זעהט מען טאָקע, ווי טאָג-טעגליך געהען אַרום פּאָרלעך און נעמען צוזאַמען געלד. כדי צו שטיצען די נויטבעדערפטיגע קראַנקע, וועלכע מוזען פערברענגען אַ פּאָר חדשים אין אָסטראָוו, כדי צו פערריכטען זייער חרוב געוואָרענעם געזונד; אויך בעהאַלטען זיך אין אָסטראָוו אַ סך פּאַמיליעס, וועלכע האָבען בעקומען עקסמיסיעס און וואַרטען דאָרט אָב צו קומען אין שטאָדט צו א שטיקעל דירה.

עס זענען אַוועק יענע צייטען, ווען אָסטראָוו איז געווען אַנ'אַברוה-אָרט פאַר די פערמעגליכע, נאָר איז אַ עריי-מקלט פאַר אָרימע, קראַנקע און דאַכלאָזע.

## קלייזעל-פּאָליטיק.

דערפאַר אָבער זענען די אָסטראָווער לעטניקעס רייך אין קלייזעל-פּאָליטיק, וואו מען קריגט זיך פאַר גבאות און עליות.

תמיד איז אין אָסטראָוו געווען איין מנין, וואו אַלע יודישע לעטניקעס זענען זיך צוזאַמענגעקומען דאַווענען.

היי יאָהר אָבער זענען פערהאַנען אַזש דריי מנינים, און ס'פערשטעהט זיך, אַז קיין גבאים פעהלען נישט. אויפ'ן דאָזיגען געביעט קומען טאַקי פאַר סכסוכים. אַזוי איז צוליעב גבאות די לעצטע וואָך שיעור נישט פאַרגעקומען אַ דין תורה און עפּעס דורך אַ נס איז עס אויסגעגלייכט געוואָרען.

דעם לעצטען שבת איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע מחלוקה צוליעב די עשרת הדברות.

אַ גבאי האָט געגעבען אַ יודען די עליה רביעי, וואו מען לייענט די עשרת הדברות. איז אָבער ביים דאַווענען געווען אַ יוד, א חסיד, אַ געוועזענער דאָזאַר פון דער אגודה האָט ער געהאַלטען, אַז נאָר איהם קומט די דאָזיגע עליה. איז געוואָרען אַ מחלוקה מיט זלזולים, און נאָר דורך אַ נס איז אויסגעמיטען געוואָרען פעטש.

אַזוי זענען יודען כאָטש בעשעפטיגט אין דעם נודנעם אָסטראָווע מיט קלייזעל-פּאָליטיק.

## צוריק אויף זיין פּלאַץ.

אַ גאַנצע וואָך איז אין אָסטראָווע קאָלעמוטנע, אויסער זונטאָג, ווען ס'ווערט אַ היסעל לעבעדיגער מיט'ן אָנקום פון די שטאָדטישע געסט. וואָר שמועס, אַז זונטאָג פאַלט אויס אַ שעהנער טאָג, איז גאָר ליהודים.

גאָר לעבעדיג איז אין דעם פּענסיאָנאַט פון ה' יאַקובאָוויטש, וועלכער פיהרט פערזענליך אָן מיט'ן פּענסיאָנאַט. אגב דער איינציגער כשר'ער פּענסיאָנאַט אין אָסטראָווע. פערזאַמעלט זיך זונטאָג דאָרט דאָס ביסעל יוגענד און מען לעבט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

אגב קאָן מען זיך ביים ה' יאַקובאָוויטש, וועלכער איז שוין אַנ'אַלטער תושב אין אָסטראָווע און איז אויך גבאי פון דעם הויפּט-מנין, דערוויסען וועגען אַלע נייעסען פון יודישען הויף, וואָס קומט פאָר אין אָסטראָווע.

## צוויי קעץ אין איין זאַק.

דעם לעצטען שבת האָט זיך אויך געטומעלט אין אָסטראָווע צוליעב דער חזנים-פראַגע.

אויסגעזאָרגטע קעפּ האָבען איינגעלאַדען אויף שבת אַ היגען „בעריהמטען" חזן צום דאַווענען. דערווייל איז אָנגעקומען אַ חזן פון ביאַליסטאָק, אַ „ליטוואַק", וועלכער האָט פערנומען דעם עמוד, און ווען אונזער „בעריהמטער" חזן איז געקומען אויף דער איינלאַדונג קיין אָסטראָווע, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער עמוד איז שוין פערנומען...

די גבאים האָבען אַפילו געוואָלט אונזער „קאַנטאָר" פערהאַלטען אויף שבת, נאָר זיין אַמביציע האָט דאָס נישט דערלויבט און ער איז באַלד פרייטאָג צוריק אַוועק אַ ברוגז'ער קיין טשענסטאָכאָוו.

נעמען מיר זיך אָן די עולה פון אונזער בן-עיר און „פאַדערען", אַז מען זאָל איהם פערגיטיגען פאַר זיין בזיון, און זיי די גבאים מיט ר' שמואל ק. אין דער שפּיץ, זאָלען איהם אַבשיקען דעם צוגעזאָגטען האָנאָראַר אין דער שטאָדט אריין און גלייכצייטיג איהם עפענטליך איבערבעטען אין דער צייטונג...

לויתן.

רעליגיעזען געביעט האט ער געזאלט ווערען א חוזר בתשובה. אזא בעל-תשובה האט נישט געוואלט זעהר געפעלען נויפעלד'ס משפחה, בעיקר זיין ברודער א גרויסען ווארשאווער סוחר, דעם פאטער פון דער בעוואוסטער איבערזעצערין משומדות'טע בראניסלאווא נויפעלד. נויפעלד'ס קרובים זענען געפאלען אויף א טייוולאנישען פלאן און איהם אריינגעזעצט אין שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע פון הייליגען מאן אויף דער באניפראטען-גאס. נויפעלד האט זיך געבעטען רחמים, אז מ'זאל איהם ארויסנעמען פון דארטען, ביז ער איז ענדליך א פולשטענדיג צובראכענער פיזיש און גייסטיג איבערגעגעבען געווארען אין א יודישען הקדש אויף טווארדע גאס, וואו ער איז געשטארבען אין גרויסע ליידען און פיין אינ'ם יאהר 1874, פון אלע א פערגעסענער.

אין זיינע זכרונות פון די יוגענד-יאהרען דערצעהלט נויפעלד (יוטזשענקא נ. 49 1862) אז זיין אידעאל איז תמיד געווען צו ווערען א דאקטאר-מעדיצין. די מאטעריעלע בעדינגונגען האבען איהם לוידער נישט ערלויבט עס צו דערגרייכען. דערפאר זענען זיינע צוויי זיהן שוין געווען מעדיצינער. איינער פון זיי, ד"ר יאקוב נויפעלד, האט אפילו קורץ פראקטיצירט אין טשענסטאכאוו און שפעטער זיך איבערגעטראגען קיין סאסנאוויץ. דער צווייטער, ד"ר לודוויג נויפעלד, איז געווען מיליטער-ארצט אין ראדאם און בעגאנגען זעלבסטמארד, ווייל מ'האט איהם חושד געווען אין נעמען כאבאר. זייענדיג זעהר אמביציעז האט ער נישט געקענט סובל זיין דעם פערדאכט אפילו און נישט געווארט ביז'ן פערענדיגען זיך פון דער אויספארשונג, וועלכע האט איהם ריינגעוואשען, נאר זיך דערשאסען.

ד. נויפעלד'ן איז נישט אויסגעקומען אזוי פיעל צו ליידען און קעמפען פאר גלייכבערעכטיגונג ווי זיין לעהרער יאקוב בורטשינסקי'ן. א פיעל לייכטער לעבען פון יענעם האט אבער אויך דער דאזיגער טשענסטאכאווער אינטעליגענט נישט געהאט. זיין זכרון איז דערפאר געווען ממש פערהייליגט ביי זיינע געוועזענע שילער, וועלכע האבען געבילדעט די עליטע און די אמאליגע טשענסטאכאווער יודישע אינטעליגענטען-קרייזען.

אויב דאס יודישע טשענסטאכאוו האט ... צווייטער העלפט פון 19-טען יאהרהונדערט ביז היינט-צוטאג געהאט אזא גוטען שם פון אנ'אינטעליגענטען קיבוץ האט בלי ספק א גאנץ חשוב'ן אנטייל דערין דאניעל נויפעלד.

# האט רחמנות!

## אנ'אפעל צו דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאכאו.

צווישען די צעגדלינגער אינטערעסאנטען, וועלכע ווענדען זיך טאג-טעגליך אין רעדאקציע וועגען עצה'ס און הילף פאר זייער אומגליקליך לעבען, האט זיך די וואך אויך געווענדעט א פאמיליען-פאטער, וועלכער האט דערצעהלט ממש א טראגישע געשיכטע איבער וועלכע מען קאן נישט רוהיג אריבערגעהן צום טאג-ארדנונג. איך וויל זי דעריבער מפרסם מאכען און גלייכצייטיג פרוועקען רחמנות ביי דער יודישער געזעלשאפט, אז זי זאל דער דאזיגער פאמיליע קומען צו הילף.

א פאמיליע פון 6 פערזאן ליגט אונטער'ן פרייען הימעל שוין 6 וואכען. א גליק איז, וואס א קריסט, ה' זשיקעצקי (ווארשאווער 47) האט זיי דערלויבט אוועקצולייגען דאס ביסעל בעבעכעס אונטער אנ'אפענער שאפע. ווי לאנג קאן דאס אבער דויערען. אויסער דעם רוקט צו דער הערבסט, ווען זיי וועלען שוין אויף דער גאס אויך נישט קאנען ליגען.

דער פאטער פון דער פאמיליע הייסט יעקב צ., א שניידער, וועלכער האט געוואוינט אין א קעלער און בעקומען אנ'עקסמיסיע. אזוי ווי ער האט נישט געהאט די נויטיגע 100 גילדען זיך צו רינגען א צווייטע דירה, ליגען זיי פשוט אויף דער גאס.

קלאגט דער ה' צ.: וואלט איך כאטש געהאט א וואוינונג, וואלט איך אפשר געמאכט א שטיקעל ארבייט און פערדינט אויף א טריקען שטיקעל ברויט, לכל הפחות אויף א קארטאפעל. אזוי קומט אונז דאך אויס אויסצוגעהן פון הונגער, אויסער דעם, וואס דאס ביסעל הויז-מכשירים ווערט פון דעם רעגען און ווינד פערניכטעט.

דער יוד הויבט אויף זיינע אויסגעלאשענע אויגען און בעט זיך, אז מען זאל רחמנות האבען אויף זיין ווייב און קינדער. ער קאן נישט געהן אין ערגיץ, ווייל די שיך, וועלכע ער טראגט זענען צוריסען. איך וויל נישט ווערען קיין בעטלער — טענה'ט דער יוד — איך וויל ארבייטען, איך בין א בעל מלאכה (ער האט אויך א מאשין). זאלען גוטע מענשען מיר נאר געבען די מעגליכקייט צו האבען 4 ווינקלען און איך וועל אנווענדען אלע מעגליכקייטען מפרנס צו זיין מיין בני בית, אנדערש וועלען מיר דאך אלע אונטערגעהן.

ביי א גוטען ווילען פון אונזערע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, וועלכע מיר האבען אזוי פיעל אין שטאדט, ווי אויך דורך דער בארמהערציגקייט פון יחידים, וואלט מען געקענט א יודישע פאמיליע ראטעווען פון פולשטענדיגען רואין.

זאל דער דאבראטשינגאשטש, ווי אויך די קהלה געבען די ערשטע איניציאטיוו און שפענדען א געוויסע סומע.

יחידים, וועלכע ווילען שפענדען אויף דעם דאזיגען צוועק קענען אריינשיקען נדבות אין אונזער רעדאקציע.

# אנ'ערזאץ - גט אדער קרח מכאן וקרוח מכאן...

(פון די ראבינאט-מעשה'לעך).

מיט 32 יאהר צוריק האט דער היגער בעל-הבית או. זיך איינעקויפט א יחוס'דיגען איידעם פאר זיין עלטסטע טאכטער, א יונגערמאן, וואס קען לערנען תורה, פאהרט צום רבי'ן און דאוונט אין שטיבעל.

די ערשטע צייט איז געווען אלדאס גוטס, דער יונגערמאן האט געגעסען קעסט און זיך געלעבט מיט זיין יונג ווייבעל, ווי צוויי טויבען.

שפעטער אבער איז עפיס קאליע געווארען אין פאמיליען-לעבען און דאס פאר פאלק האט זיך אנגעהויבען ארומקריגען. פארט אבער זאגט מען ווי עס איז אדורכגעלעבט דאס ביסעל יאהרען, זיך צוקריגט, איבערגעבעטען, געמאכט ברית'ן מיט נאמענס-טעג כמנהג ישראל...

וואס עלטער אבער די קינדער זענען געווארע, אלץ א גרעסערער תהום איז געווארען צווישען פאר פאלק און פאר עטליכע יאהר צוריק האט דער מאן, דער פאטער פון דע-וואקסענע קינדער אליעזר המכונה ר' זישע בן ישראל יצחק הכהן בעשלאסען פטור צו ווער'ען פון זיין ווייב די „מרשעת“ און געווארען אנ'אפטער איינגעהער אין היגען ראבינאט.

ר' משה יצחק האט איהם אפילו לכתחילה נישט צוגעלאזט צום רב, זאגענדיג, אז א יוד, וועלכער לעבט מיט זיין פרוי אזוי פיעל יאהרען און האט קינדער אויסצוגעבען דארף זיך שעמען צו רעדען וועגען א גט. ר' זישע האט אבער גע'טענה'ט, אז ער וויל כאטש אויף די עלטערע יאהרען וויסען פון א לעבען אויף דער וועלט. ווען די קינדער זענען געווען קליין האט מען איהם אפשר נישט געוואלט געבן קיין גט, ווייל ער האט זיי געמוזט מפרנס זיין, היינט אבער-זאגט ער-ווען די קינדער זענען שוין גרויס, מעג ער כאטש אביסעל פרייער אבעטעמען, פטור ווערענדיג פון זיין ווייב.

אין ראבינאט האט מען ר' זישען אבער ווייטער נישט געוואלט פערשאפען דעם נחת רוח און איהם געבען א גט. ער איז אבער נישט אבגעטרעטען, טאגטעגליך איז ער געקומען צום בית-דין, צי מען איז'שוין מרוצה צום גט.

דערוויל האט דאס פאר-פאלק חתונה געמאכט עטליכע קינדער און אין די נאהנטסטע טעג דארף זיין די חתונה פון זייער דריטען זוהן.

אין א שעהנעם פריהמארגען, נאך א שטורמישער נאכט, בעת וועלכער דאס פארפאלק האט זיך געגענזייטיג מכבד געווען מיט'ן כלי-בית, וואס ס'איז געפלויגען אין זייערע קעפ אריין, איז ר' זישע מיט זיין ווייב, נאך מיט סמנים פון דער ביינאכטיגער שלאכט, געקומען צו לויפען אין ראבינאט אריין מיט א געשריי: א גט!

ווען ר' יאסעלע דיין האט אויף זיין שטייגער זיי גענומען אויסמוסר'ן און רעדען וועגען א שלום, האט ר' זישע ארויסגעכאפט עפיס א פאפיר, אריינגעווארפען עס דעם ווייב אין די הענט אריין און אנגעזאגט די געהעריגע ווערטער. אויף וועלכע זי האט געענטפערט: אמן!

די אנוועזענדע אין ראבינאט זענען געבליבען ווי געפלעפט; אזא שטיקעל זיי אנצוטהון! באלד אבער האט דער שמש ר' משה יצחק גענומען דאס פאפיר אין האנד אריין און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז גלאט א בויגען פאפיער, אויף וועלכען ר' זישע האט אליין אנגעשריבען דעם טעקסט פון גט מיט מעהרערע גרייזען און דערצו איז נאך ר' זישע געווען אזוי „ליעבענסווירדיג“, אז אנשטאט 12 שורות, וואס א גט דארף האלטען, האט זיין עקזעמפלאר געהאט אזש 15 שורות.

עס איז געווארען א בומאטאכע. דאס ווייבעל איז אנטלאפען און ר' זישע האט מיט טריומף אויסגעשריגען: איהר האט מיך נישט געוואלט גט'ן מיט'ן גוטען, האב איך זיך אליין אנגעשריבען א גט און איצט בין איך גאט צו דאנקען „איהרע“ פטור געווארען.

דערווייל ווייזט זיך אבער ארויס, אז ר' זישע האט מיט זיין ערוועק גט זיך נאך פערערגערט די לאגע. זיין ווייב'ס פטור איז ער נאבגישט געווארען, ווייל דער גט איז דאך נישט קיין ריכטיגער כשר'ער גט, אזוי אז חתונה האבען טאר ער נישט מיט קיין אנדער ווייב; וואוינען מיט זיין אשת חיל טאר ער אבער אויך נישט, ווייל ער האט דאך זי פערס גע'גט און דערצו איז ער נאך א כהן, דעריבער טאר ער דאך אודאי נישט צוריק חתונה האבען מיט זיין ווייב, אזוי, אז ער איז געבליבען קרח מכאן וקרח מכאן—נישט ער איז איהרע פטור געווארען, נישט ער מעג מיט איהר וואוינען...

קומט ער טאקי טאג-טעגליך אין ראבינאט אריין און בעט זיך, אז מען זאל איהם גט'ן מיט א כשר'ן גט, מיט 12 שורות, אזוי ווי ס'געהער צו זיין כדת משה וישראל. אין ראבינאט לאזט מען איהם נישט אריין, אויך דאס ווייב לאזט איהם נישט אריין, שלאפט ער אין שטיבעל און ווען ער טרעפט דערצעהלט ער וועגען זיין אומגליק און בעט אז מען זאל פאר איהם אינטערווענירען אין ראבינאט וועגען א כשר'ן גט, כדי אויף א רעכטען אמת פטור צו ווערען פון זיין שלאק, כדי אויף די עלטערע יאהרען זאל ער נאך האבען אביסעל נחת פון פאמיליען-לעבען...

סעם

# אויפמאהנען ענטשעדיגונג פאר די היזקות.

דער פעראייניגטער קאמיטעט צו בעקעמפען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד טרעט צו צו א גרויסער אקציע איינצימאהנען ביי דער דייטשער רעגירונג אדער ביי די פריוואטע דייטשע בעלי - חובות די היזקות, וואס די פליטים האבען געהאט צוליעב די רדיפות און אויך די פריוואט-חובות וואס זיי האבען געלאזט אין דייטשלאנד.

צו דעם צוועק ווערט איצט געזאמעלט דער נויטיגער מאטעריאל. די רעגיסטראציע פיהרט אדורך דער הי-

ביי מידקייט, נעפיהל פון מורא, שלאפלאזיגקייט, הארץ-בעשווערונג, ברוסט-שמערץ רעגולירט די בלוט - צירקולאציע דאס נאטירליכע ביטערוואסער Franciszka Józefa און מירקס בערוהיגענער.

גשר קאמיטעט אין די אמט-שעה'ן: יעדען טאג פון 6 ביז 7 חוץ שבת.

# ארויסגעשיקט קיין ארץ-ישראל.

אין ברעסלוי האט געוואוינט א יודישע פאמיליע ש., וועלכע שטאמט פון טשענסטאכאוו. לעצטענס צוליעב די רדיפות האט דער פאטער פון דער פאמיליע, וואס בעשטעהט פון 4 פערזאן געמוזט ענטלויפען פון דייטשלאנד. מיט דעם גורל פון דער משפחה האט זיך פעראינטערעסירט דער היגער קאמיטעט צו בעקעמפען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד און א דאנק זיין הילף איז דער משפחה געלונגען ארויסצופאהרען קיין א"י.

# קליינער פעליעטאן.

## נישטא קיין אוגערקע-סעזאן.

יעדעס יאהר אין דער איצטיגער צייט, אפילו אין די נארמאלע פעטע צייטען, איז געווען א חודש צוויי, וואס האט זיך גערופען אוגערקע-סעזאן.

דאס איז געווען די פעריען צייט, ווען דער עולם איז געפאהרען אויף זומער-וואוינונג און דאס געזעלשאפטליכע לעבען האט זיך אבגעשטעלט. האט זיך דער פעליעטאניסט געגריבעלט און אויסגעזויגט אלטע טעמען, דער פובליציסט האט איבערגעדריקט נישט געשטויגענע מעשות.

היינטיגעס יאהר אבער, נישט קוקענדיג דערויף, וואס דער קריזיס האט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע, איז נישטא קיין אוגערקע-סעזאן. פערקעהרט, די געשעהענישען יאגען איינע די אנדערע, אזוי שנעל, אז מען קען נישט דעם אטעם כאפען.

וואס ערגער די צייט, אלץ רייכער איז זי אין פאסירונגען און דו, ארימער שר הממונה צו פערצייכענען אלע טענות און פרעטענציעס פון כלל ישראל, מוזט שטעהן אויף דער וואך און יעדען צופרידענשטעלען. דער עיקר דו טארסט נישט דורכלאזען די קלענסטע קלייניגקייט, ווארים מען קוקט דיר אויף די פינגער און באלד וועט מען דיר מאכען פארווארפען, אז דו ערפולסט נישט דיין אויפגאבע, וועלכע מען האט דיר אנגעטרויט.

דאס מאל וועל איך אייך נאר געבען א קליינע מוסטער-קאלעקציע פון געשעהענישען פון דער לעצטער צייט, וואס האבען קאליע געמאכט דעם היייעהריגען אוגערקע-סעזאן.

קומט צו לויפען א יוד אין רעדאקציע און בעט מיך איך זאל שרייבען וועגען די נישט-פארגעקומענע וואהלען. אזא רציחה, אזא... (ער האט זיך אויסגעדריקט מיט א ווארט, וואס מען מוז עס צענזורירען), ווער האט זיי געגעבען רעכט מיר אוועקצונעמען מיין וואהל-רעכט און צוליעב וואס, צוליעב זייערע...] קאפריזען (ער האט שוין ווידער געזאגט אזעלכעס, וואס איך קאן נישט בענוצען), וועל איך פורש ווערען פון גאנצען כלל ישראל. דעריבער שרייבט, אז זיי זאלען מיר אבגעבען די זלאטע מיט צוואנציג גראשען. לעולם, זאלען זיי זיך נעמען די פאר גראשען, [?]זאלען זיי זיך דערמיט... (הערט אויף צו שעלטען ר' יוד, האב איך איהם אויפמערקזאם געמאכט, ער אבער שיט ווייטער מיט פעך און שוועבעל), נאר איך וויל דערמיט אויסדריקען מיין פראטעסט געגען די מעשים רעים פון אונזערע פארטיי - לידערס, וועלכע זענען נישט דערוואקסען צו זיין די פארשטעהער פון כלל ישראל און איגנארירען אונזער דעה און טהון דאס, וואס זייער ענג-עגאאיסטישע אמביציע דיקטירט זיי.

זיי—בייזערט זיך מיין יוד ווייטער—די דאזיגע... (הערט דאך אויף צו רעדען אזעלכע ווערטער!) וועלען נאך דערפיהרען דערצו, אז מיר וועלען ווערען גלייכגילטיג צו אלע יודישע פראגען און זיך גארנישט וועלען פעראינטערעסירען.

הערט, פאניע סמאל, שרייבט וועגען דעם און נישט בלויז אין מיין נאמען, נאר אין נאמען פון הונדערטער טשענסטאכאווער יודען.

— פארוואס שרייבט איהר גארנישט וועגען דעם סקאנדאל טשענסטאכובקע, פאלען אריין צו מיר אנדערע יודען. הע, איהר ווייסט גארנישט, וואס דארט קומט פאר? נו, נו, א שעהנער צייטונגס-שרייבער זענט איהר דאס? מען שלאגט דאך דארט יודען און מען לאזט זיי נישט האנדלען.

— וואס זאל איך טהון?—פרעג איך ביי זיי.

— וואס הייסט וואס? זייט מרעיש עולם, שרייבט אן עטליכע שארפע ארטיקלען, זאגט אריין מוסר אונזערע כלל-טהוער, פארוואס זיי אינטערוועניערען נישט, וועקט אויף די יודישע סיים - קאלא, וועלכע שלאפט אזוי ווי דער גאנצער סיים און זאלען זיי נישט דערלאזען צו אזא היטלעריאדע, איבעריגענס, כאפט זיך ארויס אליין, זייט זיך מטריח און שפאצירט אביסעל אין טשענסטאכובקע, וועט איהר שוין האבען וואס צו שרייבען פון אייגענער פערזענליכער ערפאהרונג...

לאין ברירה האב איך זיי צוגעזאגט צו שרייבען וועגען דעם, כאטש דערפון, וואס זיי האבען מיר דערצעהלט.

איידער איך האב זיך נאך בערוהיגט פון די אויבענדערמאנטע שילדערונגען, קומען שוין אריין צו לויפען אביס'ל מארק-ווייבער מיט א געשריי. און יעלות באשר מען מאכט זיי אומגליקליך. א חברה סעקוועסטראטא-ען זענען דינסטאג בעפאלען דעם מארק און האבען אראבגערוימט פון דארט די סחורות און זאגאר די ציבעל האבען זיי רעקווירירט פאר אלטע פערלעגענע שטייערן. טא פארוואס שווייגט מען, פארוואס לויפט מען נישט, פארוואס טהוט מען נישט? מען מאכט דאך דאס ביסעל יודען חרוב.

ווען איך וויל זיי געבען אנ'עצה, אז זיי זאלען בעסער לויפען מיט דער טענה צום נאטשעלניק, ווערען זיי אנגעצינדען פאר כעס. מען לאזט דען צו איהם צו-שרייען זיי—און ווער קאן זיך דען אויסשמועסען מיט א נאטשעלניק?

— טא נעהט—זאג איך צו זיי אין קליינהענדלער פעראיין, וועלכער פערטיידיגט די אינטערעסען פון די מארקשטעהער.

— פאר עצות זענען מיר פערזארגט, וואו איז דא א קליינהענדלער-פעראיין, וואס קאן ער אויסטהון, אז זיי האבען עפיס אנדערש אין זינען...

— טא וואס ווילט איהר פון מיר?

— שרייבט, אבער אזוי שרייבען, אז מען זאל דארט דערהערען אין די הויכע פענסטער וועגען די עולות, וואס מען בעגעהט געגען אונז, מיר לעבען דאך קוים, מיר פערמאגען דען די סחורה, וואס מען נעמט ביי אונז צו? עס איז דאך יענעמס סחורה.

נו, ווי האלט איהר, קאן מען אדורכגעהן רוהיג איבער אזעלכע געשעהענישען און וועגען דעם נישט שרייבען, באטש צווישען אונז זאל עס בלייבען, וועט דאס שרייבען העלפען אזוי, ווי ס'האט געהאלפען ביז איצט, אבער... אבער נאר נישט, כאטש אויסרעדען די ביטערע צרות מעג מען דאך.

און וועגען קצבים-שטרייק האט איהר געהערט, זיי האבען דאך אונז געוואלט מאכען נאך שבת נחמו די ניין טעג, און ווען נישט די אקסען, וועלכע האבען געוואלדעוועט, אז מען מוז זיי שחט'ן, ווער ווייסט צו מיר וואלטען זיך פערפליישיגט?... נישט איין שחיטה קומט ארויס א דאנק אקסען...

אויך דאס מאל, ווי עס ווייזט אויס, איז דער שטרייק שנעל ליקווידירט געווארען צוליעב די אקסען... אבער שרייבען וועגען דעם מוז מען.

און וועגען די דייטשע געל-טענע, וואס דרעהען זיך ארום אין טשענסטאכאוו און האבען נאך קיינמאל דייטשלאנד פאר די אויגען נישט געזעהן, מיינט איהר דארף מען נישט שרייבען? יא וועגען זיי וואלט מען געקאנט א סך שרייבען, און אויך וועגען די אמת'ע פליטים, וואס קומען צו לויפען פון גהינום'דיגען דייטשלאנד און דרעהען זיך דא ערום און האבען זיך נישט צו ווענען צו ווענדען.

דאן האט מען דאך צו שרייבען וועגען דער געוואלטיגע עוולה, וואס געשעהט דעם... אבער נישט וועגען אלעם מעג מען שרייבען...

דער עיקר איז נאר, וואס איך האב אייך געוואלט דאקומענטירען, אז קיין אוגערקע-סעזאן איז הייאהר נישט פערהאנען.

כמאל.

SUDOR
PŁYN
„AP. KOWALSKI"
USUWA
POT i NIEMIŁĄ JEGO WOŃ




## פון דער אינדוסטריעלער אויסשטעלונג אין טשענסטאָכאָוו.

די אינדוסטריע - אויסשטעלונג פון טשענסטאָכאָווער קרייז האלט שוין ביים רעאליזירט ווערען.

לויט די ביזאיצטיגע פאָרטשריט איז צו זעהען, אַז די אויסשטעלונג וועט האבען דעם געהעריגען ערפאָלג און וועט ווירדיג פאָרשטעלען אַלע אינדוסטריע - צווייגען פון טשענסטאכאווער קרייז.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואס די צאָהל סטאַנדען איז בעגרעניצט און ס'קאָנען אין די לעצטע טעג אויספעהלען פלעצער איז ראַטזאַם; אַז אַלע פירמעס, וואס ווילען זיך בעטייליגען אין דער אויסשטעלונג, זאָלען בעצייטענס מעלדען זייער בעטייליגונג.

## די שול-וואַקאַציעס וועלען נישט פערלענגערט ווערען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען, וואס האבען זיך פערשפרייט, אַז די שול-וואַקאַציעס זאלען כלומרשט פערלענגערט ווערען, דערוויסען מיר זיך, אַז די דאָזיגע ידיעה ענטשפרעכט נישט דער ווירקליכקייט, ווייל די לעהרע אין די שולען וועט זיך היי-יאָהר אָנהויבען — ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט — דעם 21 ד. ה.

## א קורצער שטרייק פון די קצבים.

דינסטאג האבען פלוצלינג פערשטרייקט די היגע קצבים, נישט וועלענדיג לאָזען שחט'ען קיין פלייש אויף כשר. די סיבה דערפון איז געווען, וואס די קצבים פערלאַנגען, אַז מען זאל זיי בעפרייען פון קהלה-עטאַט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט דער שטאָדט-קאָמיסאָר ה' מאַדעיסקי צונויפגערופען א קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס'זענען מצד דער קהלה אַנוועזענד געווען: דער וויצע-פרעזעס ה' געווערצמאַן און פערוואלטונגס-מיטגליד ה' ווזשעריקער און מצד די קצבים — די ה"ה גאַבעל און טשעטשורא.

ווען דער שטאָדט-קאָמיסאָר האט זיך דערוואוסט וועגען דער אייגענטליכער סיבה פון שטרייק, האט ער ערקלערט, אַז דער עטאַט-ענין געהט איהם נישט אָן און אַז אַלס בעל-הבית פון דער שטאדט, וועט ער נישט דערלאזען, דאס די בעפעלקערונג זאָל בלייבען אָהן פלייש.

סוף כל סוף איז געבליבען, אַז דער שטרייק ווערט ליקווידירט און אַז אויף דער אנדערער וואך וועט אין דער קהלה פארקומען א קאָנפערענץ מיט די קצבים וועגען דאזיגען ענין.

תיכף דערנאָך איז פארגעקומען אין שחט-הויז די נאָרמאַלע שחיטה.

## אינטערווענץ אין דער סטאַראָסטווע וועגען די כסדר'דיגע כוליגאַנישע אנפאַלען אויף יודען אין טשענסטאכוקע.

די כוליגאַנישע אַנפאַלען אויף יודישע הענדלער און דורכגעהער אין טשענסטאַכווקע, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען נאך מיט עטליכע וואכען צוריק, דויערן ווייטער. די לעצטע טעג זענען ווידער מעהרערע יודען צושלאגען געוואָרען דורך טשענסטאכווקער קריסטען, אין פערשידענע יודישע וואוינונגען אין יענער געגענד, ווי ביי פרישמאַנען און אנדערע—אויסגעהאַקט געוואָרען שויבען.

דער טעראָר אין טשענסטאָכוווקע בנוגע יודען איז דערגאַנגען אזוי-ווייט, אַז א יוד האט זיך פשוט מורא דאָרט צו בעווייזען און מעהרערע יודישע הענדלער, וועלכע האָבען דאָרט געלייזט פאר פערשידענע אַרטיקלען, האבען פערלוירען זייער פרנסה.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט מיטוואָך ה' מענדיל אַש צוזאַמען מיט א דעלעגאַציע פון די געשלאָגענע און געליטענע יודען זיך געוואנדען צום לייטער פון זיכערהייטס-אַמט אין דער סטאַראָסטווע רעפ. מאַלעץ און איהם איבערגעגעבען וועגען אַלע געשעהענישען, בעטענדיג א סוף צו מאַכען צו דער דאָזיגער געפעהרליכער לאַגע.

ה' מאַלעץ האט ערקלערט, דאס כדי די מאַכט זאל האבען די מעגליכקייט זיך גענויער צו בעקענען מיט אַלע פאָרפאַלען, איז נויטיג, אַז מען זאָל איהם צושטעלען שריפטליך דאס גאַנצע מאַטעריאַל וועגען די געשעהענישען און דאַן וועט ער אננעמען מיטלען, אַז די אַנפאַלען זאָלען זיך מעהר נישט איבערחזר'ן.

אין דער קהלה זענען דעריבער גלייך צונויפגעשטעלט געוואָרען פראָטאָקאָלען וועגען די טשענסטאָכווקער אַנפאַלען, פון וועלכע די אָבשריפטען וועלען איבערשיקט ווערען אין דער סטאַראָסטווע, וואָיעוואודזטווע און מיניסטעריום.

ס'איז אַלזאָ אונבעדינגט וויכטיג, אַז אַלע יודען, וועלכע זענען לעצטענס בעפאַלען געווארען אין טשענסטאכווקע אָדער אין וועמענס וואוינונגען ס'זענען דורך די כוליגאַנעס אויסגעהאַקט געווארען די שויבען, זאָלען זיך תיכף מעלדען אין דער קהלה, כדי צו קענען צוזאַמענשטעלען דאס געהעריגע מאַטעריאַל און אזוי ארום זאָל א סוף געמאַכט ווערען צו דער כוליגאַנישער העצע און אנפאַלען אויף יודען.

## די אייזען-קעניגין סאָניאָ ברייטבאַרט אין טשענסטאָכאָוו.

שבת, דעם 12-טען ד. ח. האלב 5 א זייגער נאכמיטאג וועט אויפ'ן פלאַץ פון דער געוו. פאַבריק „איראָן", אַלעע קאשטשושקי 16 פארקומען א סענסאַציאָנעלער אויפטריט פון דער פענאָמענאַלער אייזען-קעניגין סאַניאָ ברייטבאַרט מיט דעם אונפערגלייכליכען ריעז נ. גאָלדבערג.

סאניאַ ברייטבאַרט איז א שוועסטער פון דעם יונג-פערשטאָרבענעם, בעריהמטען יודישען גבור זיגמונט ברייטבאַרט און גילט אלס די שטאַרקסטע פרוי פון אייראָפּאָ.

די גרויסע צאָהל זעהר אינטערעסאַנטע און נאָך נישט געזעהענע פּראָדוקציעס פון די אייזען קעניגין, וואס געפונט זיך אין פּראָגראַם, וועט זיכער צוציהען א גרויסען עולם צושויער.

## א יוד — דער בעסטער שיסער פון דער 7 דיוויזיע.

אויף דעם מיט א קורצער צייט צוריק פאָרגעקומענעם שיסער - קאָנקורס פון דער 7-טער פיעכאָטע דיוויזיע האט דעם ערשטען פריז בעקומען דער יודישער זעלנער פון 74 פּולק פון לובליניעץ ה' ליביצקי, וועלכער שטאַמט פון טשענסטאָכאָוו.

## 3-טאָגיגער פערוויילונגס-אויספלוג נאָך קריניץ און אין די פיענינען.

כדי צו ערמעגליכען די ברייטע קרייזען פון דער בעפעלקערונג צו פערברענגען 3 טעג אין די געבערג, אָרדענט איין די אָבטיילונג פון דער יודישער געזעלשאַפט פאָר לאַנדקענטשאַפט אין בענדין דעם 13, 14, 15 אויגוסט אַ פערוויילונגס-אויספלוג נאך קריניץ.

דער אָבפאהר פון טשענסטאכאוו — שבת צו-נאַכטס 8·55 אווענד. דער פרייז פון קאטאָוויץ 13.40 זל. פון טשענסטאכאוו ביז קאַטאָוויץ 70 פּראָצ. הנחה.

איינשרייבונגען נעמט אָן די היגע אָבטיילונג פון דער יוד. געזעלש. פאר לאַנדקענטשאָפט ביז פרייטאָג דעם 10 אויגוסט 1 מיטאג, ביי י. רזאָנשינסקי אַלעע 29.

## א פאָרלעזונג פון ד"ר ליליען.

זונטאָג, דעם 13-טען ד. ח. האלב 9 אָווענד קומט פאר אין לאָקאַל פון סוחרים - פעראיין, אַלעע וואַלנאַשטשי 3—5 אַ פאָרלעזונג פונ'ם דירעקטאָר פון די יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס ד"ר הענריק ליליען, א. ד. ט. „די יודישע יוגענד און די ערציהונגס-פּראָבלעמען פון דער היינטיגער צייט".

## געשאַפען אַ „ברית - החיל" אין טשענסטאָכאָוו.

נאָך לאַנגע בעמיהונגען איז ענדליך געלונגען צו שאַפען אין אונזער שטאָדט אַ רעזערוויסטען אָרגאַניזאַציע אויפ'ן נאָמען פון זאב זשאַבאָטינסקי א. נ. „ברית החיל".

איינשרייבונגען קומען פאָר פון מיטוואָך דעם 16 ד. ח. יעדען אָווענד פון 8·30 ביז 9·30 אין לאָקאַל פון „ביתר", אַלעע קאָשציושקי 16.

## „הסתדרות מזרחי ותנועת תורה ועבודה".

שבת פ' עקב 5 אַ זייגער נאָכמ. אין לאָקאַל פון מזרחי, אלעע 5, וועלען רעדען א. ד. ט. „פּאַרזואַס זענען נישט צושטאַנד געקומען די וואַהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין אונזער שטאָדט ה' קאַבלינק, יונגסטער און אַנדערע.

ביום ג' פ' ראה בשעה 7 בערב בדיוק תהי' אספה כללית של הסתדרותנו, בהשתתפות הח' שרגאי מא"י.

## פון „מכבי".

די פּערוואַלטונג פון „מכבי" מאַכט בעקאַנט, אַז עס ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען אין אַלע סעקציעס אין סעקרעטאַריאַט פון „מכבי", אַג אדאָווא נר. 8 יעדען טאָג פון 9 ביז 10 אָווענד.

## פון דער טאַנץ - שולע.

די בעקאַנטע דיפּלאָמירטע טאַנץ-שולע פון באַלעט - מייסטער קאָסטעצקי (וואַשינגטאָנאַ 6) עפענט דעם טאַנץ-סעזאָן שבת, דעם 12 ד. ח. 8 אָווענד. די לעקציעס קומען פאָר פונ'ם 21.

## פערזענליכעס.

פרל. טעציאַ ווייגבערג אביטוריענטין פון היגען יודישען גימנאַזיום האט היי-יאהר געענדיגט דעם הומאַניסטישען פאַקולטעט פון ווארשאווער אוניווערזיטעט און בעקומען דעם טיטול מאַגיסטער פילאָלאָגיע.

## א דאַנסינג אין „מכבי".

מארגען, שבת, דעם 12 ד. ח. 9 אָווענד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, אגראַדאָווא 8, אַ דאַנסינג.

## דער פועלים-אויספלוג קיין אָלשטין

די היגע „פועלי אגודת ישראל" אָרדענט איין אויף זונטאג אנ'אינטערעסאַנטען אויספלוג קיין אָלשטין. ארויספאהרען וועלען זיי מיט אַ ספּעציעלען אויטאָ 7 פריה. דאס פּראָגראַם איז אנ'אינטערעסאַנטער. דער זאַמעל-פּונקט איז אין פּאַרטיי לאָקאַל ב. יאַסעלעוויטשא 8.

## צו דער עפענטליכקייט פון די טשענסט. שוקלים!

מיר טראָגען אויף זיך די אחריות פאָר דעם צווייטמאָליגען רופען אייך, שוקלים, צו די וואַהלען צום קאָנגרעס, וואו מיט אייער שטימע האט איהר געדאַרפט אַרויסזאָגען אייער שטעלונג צום אויפבוי פון א"י, וואו איהר האט געוואָלט ווייזען אייער צוגעבינדענקייט צום כלל ישראל, וועמענס איינציגער ליכט שטראַהל איז ארץ ישראל, אָבער קומענדיג צום צווייטען מאָל מיט דעם שקל אין דער האַנד צו דער וואַהל אורנע האט איהר, ליידער, געטראָפען די טהירען פערמאַכט. מיט א טרויריג געמיט האט איהר זיך צוריקגעקעהרט אהיים מיט דער פראַגע אויף די ליפען: האין לנו חלק ונחלה בישראל? יעדער איינער האט זיך געטראַכט: ווער זענען דאס די, וואס האבען אָנגעהאָנגען א שלאָס אויף מיין מויל, נישט לאָזענדיג מיך אַרויסזאָגען מיין מיינונג איבער דעם ארץ ישראל אויפבוי? דעריבער געפינען מיר פאָר נויטיג אייך צו ערקלערען, אַז מיר מזרחיים האָבען נישט אנטייל גענומען אין דעם גאַנצען „ספּעקטאַקל" און מיט דעם גאַנצען אויפריכטיגען אמת זאָגען מיר אייך, שוקלים, עפענטליך: ידינו לא עשו את הנבלה הזאת! די ערשטע וואַהלען זענען געוואָרען איבערגעריסען צוליעב די פאָרגעקומענע צוזאַמענשטויסען צווישען די עקסטרעמע גרופּירונגען אין ציוניזם. די צווייטע וואַהלען ווידער זענען אינגאַנצען נישט פאָרגעקומען צוליעב דער שולד פון די פאָרשטעהער פון די א. ג. אַלגעמיינע ציוניסטען ליסטע נר. 1, ביי דער מיטהילף פון זייערע שותפים פון לינקס נר. 5. אויך די ספּעציעל - אַראָפּגעבראַנגטע קאָמיסאַרען, וועלכע דער הויפּט-וואַהל-קאָמיטעט פון ווארשא האט אַראָבגעשיקט אין אונזער שטאדט מיטצוהעלפען, דאס די וואַהלען זאלען פאַרקומען אין א רוהיגע אַטמאָספּערע, האבען אונטער פערשידענע אויסריידען און אַמלעצטען אַנוועזענדיג זאָגאר טעראָר, אַבגערופען די וואַהלען. און נישט קוקענדיג אויף די פּראָטעסטען פון „מזרחי". „עת לבנות" און רעוויזיאָניסטען פון ביידע לאַגערן, וועלכע האבען דורכאויס געפאָדערט, אַז די וואַהלען זאָלען פאָרקומען — האבען די קאָמיסאָרען בעשלאָסען אַוועקצונעמען דאס רעכט פון אייך שוקלים אין טשענסטאכאוו אנטייל צו נעמען צוזאַמען מיט דעם גאנצען וועלט-יודענטום אין די וואַהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

מיר מוזען אייך אויסזאגען דעם גאַנצען אמת, ווייל האמת נתנה להאמר אַז די הערען פון נר. 1 איז געגאַנגען איועקצוריבען דעם 15-טען מאַנדאַט פון „מזרחי", פון דער קאָנסטרוקטיוו שלום אויפבוי פּאַרטיי אויף דער יודישער גאַס, וואס נאָר דער וועג פון שלום און פריעדען איז איהר וועג און איהר, טשענסטאכאווער שוקלים, האט געדאַרפט מיט אייערע שטימען דעם מאַנדאַט געבען, דאריבער האבען די פאָרשטעהער פון די ליסטעס נר. 1 און 5 געאַרבייט מעשים, בענוצענדיג זאגאר געגען אונז, מזרחיים, טעראָר, אום די וואהלען זאלען נישט פאָרקומען, כדי דער מאַנדאַט זאל בלייבען ביי זיי, ביי דער ליסטע № 1, צו וועלכען עס האבען זיי אויך צוגעהאָלפען די אַראָבגעשיקטע פון ווארשא קאָמיסאַרען, בערויבענדיג אַזוי-אַרום די אַלגעמיינע מאַסע פון איבער 3000 שוקלים פון טשענסטאכאוו און זייער וואַהל-רעכט.

זאָל די עפענטליכקייט משפט'ן איבער דער בעציהונג. זאָלען די, וועלכע האָבען אייך אויסגעשלאָסען פון כלל-ישראל, געשטעלט ווערען צום שאַנד-סלופּ. זאָלען זיי אַ צווייט מאָל נישט קומען אייך וועלען איינרעדען וועגען אויפבוי, אינדערצייט, ווען זייער וועג איז צושטערונג!

מיר האָפען, אַז דער גאַנצער ענין וועט נאָך פאָרקומען פאר'ן משפט פון קאָנגרעס-געריכט.

**ועד המזרחי ותנועת תורה ועבודה,**

## קאָמוניקאַט.

אין „היינט" 182 פון 8-טען ד. ח. איז געווען געדרוקט אַ נאָטיץ, וועלכע האָט פאַלש און טענדענציעז פאָרגעשטעלט די סבות, צוליעב וועלכע עס זענען נישט פאָרגעקומען די 2 טע וואַהלען צום קאָנגרעס אין אונזער שטאדט. מיר זעהען זיך דעריבער געצוואונגען איבערצוגעבען דער עפענטליכקייט די אמת'ע סבות דערפון.

די הויפּט - וואַהל - קאָמיסיע פון וואַרשא האט דעלעגירט אין אונזער שטאָדט צוויי קאָמיסאָרען די ה"ה שיימאַן און ד"ר ליפּמאַן אָדורכצופיהרען די וואַהלען. ווען די דאָזיגע צוויי קאָמיסאָרען האבען אינטערגעהאַנדעלט מיט די פאָרשטעהער פון פערשידענע ריכטונגען, האבען זיי דעלעגירטע פון די ליסטעס 1, 5 און 7 אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז אונזער חבר מגר. בראַטמאַן, וועלכער איז געווען אַ פּרעזידיום מיטגליד פון דער היגער וואַהל-קאָמיסיע, זאָל נישט אַנטייל נעהמען אינ'ם אָדורכפיהרען די וואַהלען. אין אנפאנג האבען אונזערע פאָרשטעהער נישט געוואָלט איינגעהן דערויף, אָבער דאַן, ווען עס איז קלאָר געווארען, אַז די ליסטע נר. 1, 5 און 7 זוכען אַ וועג, אַז ס'זאָלען נישט דורכגעפיהרט ווערען די וואַהלען אין אונזער שטאדט, האבען אונזערע פאָרשטעהער אויף דעם אויסדריקליכען פערלאַנג פון ה' בראַטמאַן ערקלערט, אַז ער וועט אין דער וואַהל-קאָמיסיע מעהר קיין אנטייל נישט נעהמען. דאַן האבען אונזערע פאָרשטעהער אַרויסגערוקט די פאָדערונג אַז דער פּרעזידיום-מיטגליד פון דער קאָמיסיע ד"ר מעהרינג, וועלכער האט דורך זיין האַלטונג פאַר און אין טאג פון די וואַהלען גורם געווען צו די שענדליכע טעראָר-מעשים, איבעררייסען די וואַהלען און אַליין זיך געוואָרפען שלאָגען דעם ה' בראַטמאַן, זאָל בעזייטיגט ווערען פון דער קאָמיסיע. אויף דעם האבען מסכים געווען די פאָרשטעהער פון אַלע ריכטונגען, אחוץ די אויבענדערמאַנטע דריי. דאַן האבען די קאָמיסאָרען ערקלערט פאלגענדעס: נישט אריינגעהענדיג אין דער עצם פראַגע ווער עס איז דער שולדיגער און ווער דער גערעכטער, נאָר זיי האלטען, אַז צו דער קאָמיסיע דאַרפען געהערען אַזעלכע פּערזאָנען, געגען וועלכע עס איז נישטאָ קיין פּרעטענציע פון קיין שום צד, ד. ה. אַז סיי מגר. בראַטמאַן און סיי ד"ר מעהרינג קענען אין דער קאָמיסיע מעהר קיין אנטייל נישט נעמען.

דאַמאָלס האט ה' שענפעלד אָבגעגעבען אַנ'ערקלערונג, אַז די ליסטעס נר 1, 5 און 7 וועלען נישט פאר אין די וואַהלען קיין אַנטייל נישט נעמען, נאָר וועלען אויך בשום אופן נישט דערלאָזען, אַז די וואַהלען זאָלען איבערהויפּט פאָרקומען.

אין צווישען איז אָנגעקומען אַ גרופּע פון די לינקע, וועלכע האָט אונטער דער אָנפיהרונג פון זעלבען שענפעלד טעראָריזירט די קאָמיסאָרען אַזוי ווייט, אַז דער קאָמיסאָר שיימאָן, אַליין אַ פיהרער פון די לינקע אין ווארשא, האָט נעדראָהט זיינע אייגענע חברים, אַז ער וועט זיי בערוהיגען מיט דער הילף פון פּאָליציי. די קאָמיסאָרען האָבען דאַן צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַז צוליעב דעם טעראָר און דראָהונגען מצד די אויבענדערמאַנטע ריכטונגען, זעהען זיי נישט קיין מעגליכקייט איינצואָרדנען די וואַהלען אין טשענסטאָכאָוו.

**ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישער איגוד אין פּוילען,**
**אָבט. אין טשענסטאָכאָוו.**

**ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישער פערבאַנד אין פּוילען,**
**אָבט. אין טשענסטאָכאָוו.**

POŻEGNANIE z GRZECHEM
מעכטיגע עראָטישע דראַמאַ מיט זשאַן קראַופאָרד.
Flip i Flap robią karjerę
איבער'ן פּראָגראַם

Kino „LUNA"
dawniej „Grand"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.